# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 12 (העפט 279) פופצנטער יאָרגאַנג דעצעמבער, 1954 לאָנדאָן

## „והדליקו נרות בחצרות קדשך“...

וואָסער פּנים האָבן נאָך די אַלע יוונים-פּאָליטיקער פון אַלע פעלקער, אונזערע ככל-הגוייִמדיקע מיט אַריינגערעכנט. עס איז שוין צומאָל אַ ניווע-לירונג, אַ חילול-הקודש, צו פאַראַפראַזירן דאָס יידישלעכע פאָלקלאָר-ווערטל: „ווי עס קריסטלט זיך אַזוי יידלט זיך“. אַז מען זעט דעם פלינקן שאַכער-מאַכער-האַנדל, מיט סאָלדאַטסקע מיילן-שטיוול פאָראויס, און מיט די „לאַנגע הענט“, אין דיפּלאָמאַטישע הענטשקעס, פון די גרויס-מאַכטן וואָס פאָרן זיך ביי דער דייטשער באַוואָפנונג, און מען הערט דאָס זיסע קול-קול-יעקבל נעבעך ביים „נאָרמאַליזירן“ די דייטשע-ישראל באַציאונגען.

און אַז כדי די ניווילירונג אונזערע זאָל האָבן דעם אמתן ניוואָ זיינען אַלע נאַציאָנאַל יידישע פאַרטייען און קולטור-געזעלשאַפטן אונזערע מיט אַריינגע-צויגן געוואָרן אין דעם האַזאַרד. און באמת, אַז אַלץ איז שוין אַ שפּיל פאַרן טייוול, איז וואָס איז שוין גרויס דער אונטערשיד; וואָס לוינט שוין דאָ אַ וואָרט נאָך קאַליע צו מאַכן — דער „דזשאָקער“ טרומפירט!...

באמת, בשעת מען שפּילט שוין מיט אָפענע קאָרטן, בשעת מען סטראַשעט שוין נישט אויף קאַטאַוועס, בשעת ס׳ליגן שוין אויפגעדעקט אויפן טיש די פיר טייז, אָדער די פיר מלכים; בשעת אונזער דריידלדיק ערד-קיילעכל שטייט „שמונה-עשרה“, זאָלן יידלעך אויך קריגן חנוכה-געלט פון ליבן אָנקל פריץ און זיך שפּילן אין דריידערל: „נס גדול היה שם“.

ווי עס בויט זיך דאָס די געוואַלטיקע אַרמיי מיט פּיעכאָטע און קאַנאָנען הידראָניזירט, צווישן ירדן און ניל, זיך צו געבן מיט זעלנערלעך אַ שפּיל.

און ברויך מען דען אַ ברייטערע מדינה אויף אַ גרענעץ פּאַס, כדי דאָרטן אַריינצושטעלן דאָס פּולווער-פּאַס — כשיצרך! ווען די צייט וועט קומען און עס וועט זיין נויטיק און דער יצר הרע וועט געבן אַ טיקע... דערווייל זאָלן די שילומים-שיפן צעפירן די דייטשע סחורות צו די פעלקער אפילו וואָס שעמען זיך נאָך צו קויפן דירעקט דייטשע וואַרע... און נאַטירלעך דערווייל, איידער די אַלע „יד-ושם“ כתב-יאָטן פון די קדושים און געראַטעוועטע וועלן טון דערשיינען, זאָל קלאַסיפיצירט און נומערירט און קאַרטאָניזירט ווערן אין די וויסנשאַפטלעכע אַרכיוון פון „ייוואָ“-וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט לייוויקס אַלע „אויסשניטן“, אַז עס זאָל חלילה קיין איינער פון זיי נישט פאַרלוירן גיין, פון זיין „איך בין אין טרעבלינקע נישט געוועזן“.

מישטיינס געזאָגט די הויכע קולטור-ווערטן אונזערע, די גייסטיקע באַ-שיצונגען אונזערע, ווען דאָס גאָלדענע רענדל ווערט גראָשנדיק אָפּגעטוישט אויף קופּער-קלינגענדיקע קינה-פּראַזן פון „צדקה תציל ממות“...

---

## פריינט פון יידיש לשון

**שבת, דעם 18-טן דעצעמבער, 7.30,** אין אַדלער האָל, אַדלער סטריט

**אַ גרויסער חנוכה באַל**

**טענץ, טאַמבאָלא, לאטקעס און דריידלעך**

5 שילינג, „רעפרעשמענט“ איינגעשלאָסן.

---

סוף-חודש זונטאגס

**בן אורי,** 14 פאָרטמאַן סטריט, וו.1.

**זונטיק, דעם 26-טן דעצעמבער, 8 אזייגער**

**אַ חנוכה פייערונג**

חנוכה-ליכט צינדן, חנוכה-לידער, חנוכה-דערציילונגען פון אונזערע קלאַסיקער.
עס באַטייליקן זיך: י. ביעטש, איזי בלעקער נעט רובין, זעליק עפּעלבוים, א. בלום, רבקה הייזעריק און קיטי בראַון.

---

## פריינט פון יידיש לשון

**שבת, דעם 1-טן יאַנואַר, 7.30**

אין דיען סטריט סינאַגאָגע, דיען סטריט, א.1.

**אַ קלאַסיקער-אָוונט**

**צום** 119**-טן געבוירן טאָג פון מענדעלע מוכר-ספרים**

עס באַטייליקן זיך מיט לייענען מענדעלע, פּרץ און שלום עליכם:

**זעליק עפּעלבוים, איזי בלעקער, אייזיק גאָלדבערג**

און **נעט רובין**

העברעאישע און יידישע לידער וועט זינגען **שלום ראָזענבלום**

קומט אין מאַסן. אַלע זיינען איינגעלאַדן.

---

## די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון „פריינט פון יידיש לשון“

אַלע אונזערע פריינט זיינען איינגעלאַדן צו אונזער יערלעכער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, וואָס קומט פאָר זונטיק, דעם 9-טן יאַנואַר, 3.30, אין אַרבעטער רינג, עלי סטריט, א.1.

סדר היום:
1. באַריכט פון דער אַרבעט פון פאַרגאַנגענעם יאָר.
2. אַרבעט-פּלענער פאַר קומענדיקן יאָר.
3. וואַלן.

פונם „בית־הים“ האָט מען כאַטש געקאָנט לאָזן אויפטאַנצן אַ גאָלדן קאַלב אין דער מדבר, אָבער פון אַזאַ פאַלטשן קופער און טעמפיקן בליי געקלאַנג, פון אַזעלכע שילומים־„טמאים ביד טהורים“־„ביזנעס“?

אַז מען כאַפּט שיריים פון טיש פון אַ נאַהום גאָלדמאַן, עליו השנאָבל, און פון אַדענאַורן, דעם גוטן־דייטשן, בשעת דאָס אַסימילירטע יהודים־טמא זיצט אַרום און באַמקן צו דעם „הייל־הייל“־ניגון: „דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס“, כאַפּט מען שוין אויף, בדחילא ורחימא יעדעס וואָרט פון זייער שמייליקער טאורא:

איי־איי דער געוואַלטיקער קאָפּשטיק, דער מוח־מענטש, דער רבי רב נחומטשע! אַז דער ראש פונם ישראל אויסערן מיניסטעריום (אויך אַ דייטשער יהודי...) גיט שוין אַנצוהערן, בפרהסיא, אַז אַ דויטשער קאָנסולאַט אין ישראל איז ממש אַ סכנת־נפשותדיקע נויטווענדיקייט — וועט טאַקע דער דייטשער קאָנסולאַט (נאַטירלעך נישט פאַן נויראַט, אַזאַ פערזענלעכקייט איז צו גרויס פאַר אַזאַ מדינהלע...) זיין דער ערשטער צו עפענען זיינע אָפיסעס אין ירושלים, און אַזוי אַרום ראַטעווען דעם פאָליטישן סטאַטוס פון דער מלוכה־הויפט־שטאָט יערוזאַלעם.

דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר וועט דאָס טאַקע זיין דער ראש וראשון, דער סאַמע ערשטער צו מאַכן פון אַ שטיק הייליקע ערד „טעררא־שטנא, פון דער עיר הקודש ירושלים“ „אומבאַרירלעכע“ דויטשע ערדע, דע פאַטאַ און דע יורע...

איי־איי, דאָס „כבתא זקוק לה“־פשטל! אַלע קשיות ווערן דאָך פאַרענטפערט לשטתו: אַז מען כאַפּט זיך אַרום מיטן גנב, האַלט מען זיך מיט אים.

...און איז דען דאָס נישט דער ווילן פונם פאָלק, „דער רוב מנין און רוב בנין“? איז דען נישט דער דייטשער אָפּמאַך אַדורך מיט אַ מערהייט פונם כנסת? מיטן צושטימונג פון אַלע פאַרטייען?

דאָס יידישע פאָלק איז דעמאָקראַטיש, פאָליטיש־רייף, באַוווסטזיניק; די מערהייט פונם יידישן פאָלק איז נישט געפילפּול סענטימענטאַל. די יידישע מדינה אין דער אַוואַנגאַרד פון דעמאָקראַטיע אין דעם דעספּאָטישן פינסטערן, טיראַנישן אַריענט; צווישן די מיטלאַלטערלעך־חושכדיקע מזרח־פעלקער. מ׳האָט אָפּגעשטימט און ס׳איז געווען אַ מערהייט — הכל בסדר!

יאָ, אין דעם פאַרוואָלקנט־פאַררויכערטן אַרום, אין דער וואַקכאַנאַליע פון דער דרייאייניקייט פון קאַרליק קאַנאַליע און קאַליקע, ווען פונם דייטשן קרעמאַטאָריום־קוימען שפּרינגט דער שטן אַרויס, אַ שוואַרצער פאַרריסטער, מיט אַ לאַנגער רויטער צונג להודות ולהלל מיט פאַרברידערונג־לידער, מיט קדושים־קינות; דעמאָלט אין דער שטאָק־פינסטערניש, גייט אויף ווי אַ הייליק ליכט אין די אויגן דאָס ברענענדיקע ירושלים, אין דער נאַכט פון דער כנסת־אָפּשטימונג פאַר די דייטשע שילומים — „בימים ההם ובזמן הזה“!

די באַוואָפנטע ישראל־פאָליציי טרייבט אַוועק מיט נאַגייקעס די יידישע מאַסן־דעמאָנסטראַציע! אַ פייערדיקער רינג פון פלאַקערדיקע פלאַמען אַרום



דעם כנסת־בנין, אַז די ברויזנדיקע מאַסע זאָל נישט קענען צוקומען און שטערן די פאַרטייאישע קאָמבינאַציע־אָפּשטימונג, וועלכע וועט דערגרייכט מיט אַ גאַנץ קליינע מערהייט, אַ דאַנק די אַראַבישע דעפּוטאַטן, וועלכע זיינען „אין טרעבלינקע נישט געווען“...

אָט־אָ די הייליקע פלאַמען אין בחצות ירושלים וועלן בלייבן דער „נס גדול היה שם“, דער „הדליקו נרות בחצרות קדשך“ — — — — — — —

אַז מען שטייט פנים אל פנים מיט דער געשיכטע און מיט די געשיכטעמאַכערס, פאַרשטייט מען ערשט, פאַרוואָס אין דער קאַנאָניזירונג פונם תנ״ך זיינען די חשמונאים־ביכער נישט אַריינגענומען געוואָרן. דער דיפּלאָמאַטישער געדריי איז צופיל פאַראַנען אין זיי. דער מחבר האָט דעם געגעבן צופיל אויפמערקזאַמקייט, אַז זיי, די ביכער זאָלן קאָנען בלייבן צווישן די ספרי קודש — דיפּלאָמאַטישער פאַטריאָטיזם איז גאָר ווייט פון פאָלקס־קדשה!

זיי, די חשמונאים־ביכער, געהערן גיכער צו פאַך־ליטעראַטור פון מלחמה־פירונג און סטראַטעגיע, זיי פאַסן זיך בעסער צו זיין האַנט־ביכער פון געשולטע דיפּלאָמאַטן... צו בלייבן געשיכטלעכע ספרים, געהייליקטע פאַרן פאָלק, איז נישט דווקא נויטיק נאַציאָנאַלע טענדענץ, עס איז גענוג דאָס ביסעלע שמן־זית, נאָר הייליק און לויטער ריין געהאַלטן און באַהאַלטן אינם ערדענעם קריגעלע, פאַרחתמעט מיטן חותם פונם כהן־גדול.

אויך דער ספר בן־סירא, וואָס איז שוין, ווי עס שיינט, געווען אַריינגענומען צווישן די כתבי קודש, ווייל אין דער גמרא געפינען מיר אָפט „כמו שנאמר בבן־סירא“, ווי עס שטייט געשריבן אין בן־סירא, אָבער ביי אַ גוטע רעוויזיע, אפנים, איז עס ביי אַ נייער רעדאַקציע אַרויסגענומען געוואָרן.

מסתם אויך איבער דעם אייגענעם טעם ווי די חשמונאים־ביכער. נישט ווייל די בן־סירא אַפאָריזמען זיינען ווייניקער נוצלעך, אָדער זיי שטייען חלילה אָפּ אין זייער חכמה פון משלי שלמה, נאָר ווייל „ביים סוף פסוק“, ביים שלוס פון ספר בן־סירא, האָט זיך אַריינגעכאַפּט דאָס הערלעכע קאַפּיטל, די גלאָריפיצירונג פון חוניו כהן גדול, ווי אין סוף משלי דאָס אשת חיל קאַפּיטל. אָבער אויב אין הייליקע ספרים קוקט מען נאָך אַ ביסל אַוועק פאַר פאַרהערלעכונג פון אַ פרוי, אָבער דינאַסטיע פאַרהערלעכונג דאָס שמעקט שוין מיט ענגען פאַטריאָטיזם און פראָפּאַגאַנדע. ווי שיין די שאַפונג זאָל נישט זיין קינסטלעריש און סטיליסטיש, פאַרלירט עס די אוממיטלבאַרע ריינקייט און שעפערישע קדושה.

די געשיכטלעך־ליטעראַרישע באַמערקונג איז נישט אַ מין הקדמה צו דעם בן־סירא קאַפּיטל וועלכעס מיר דריקן דאָ ווייטער אין דער יידיש־איבערזעצונג. עס איז אַ מוסר־השכל פאַר די אַלע אויסגאַבעס ספרים־ביכער, וואָס מען קוואַפּעט זיך אַרויסצוגעבן מיט דער הילף פון די דייטשע אָפּמאַך־געלטער. די נצח־ישראלדיקע יידישע געשיכטע האָט אַ גוטן געשמאַק און נאָך אַ בעסערע יידישע נאָז: קודם כל מוז זיין דער „לא ישקר“ — קיין פעלטשונג טאָר נישט זיין אין יידישן שאַפן, אינם אָנגעצונדענעם נר־תמיד פון דער יידישער נשמה, וואָס איז דער ציטערדיקער געדאַנק און דאָס שטאָלצע אויפפלאַמען פון נצח־געדאַנק.

פונם „ביזת־הים“ האָט מען כאַטש געקאָנט לאָזן אויפטאַנצן אַ גאָלדן קאַלב אין דער מדבר, אָבער פון אַזאַ פאַלטשן קופער און טעמפיקן בליי געקלאַנג, פון אַזעלכע שילומים־„טמאים ביד טהורים“־„ביזנעס“?

אַז מען כאַפּט שיריים פון טיש פון אַ נאַהום גאָלדמאַן, עליו השנאָבל, און פון אַדענאַורן, דעם גוטן־דייטשן, בשעת דאָס אַסימילירטע יהודים־טמא זיצט אַרום און באָמקן צו דעם „הייל־הייל“־ניגון: „דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס“, כאַפּט מען שוין אויף, בדחילא ורחימא יעדעס וואָרט פון זייער שמייליקער טאורא:

איי־איי דער געוואַלטיקער קאָפּשטיק, דער מוח־מענטש, דער רבי רב נחומטשע! אַז דער ראש פונם ישראל אויסערן מיניסטעריום (אויך אַ דייטשער יהודי...) גיט שוין אָנצוהערן, בפרהסיא, אַז אַ דויטשער קאָנסולאַט אין ישראל איז ממש אַ סכנת־נפשותדיקע נויטווענדיקייט — וועט טאַקע דער דייטשער קאָנסולאַט (נאַטירלעך נישט פאַן נויראַט, אַזאַ פערזענלעכקייט איז צו גרויס פאַר אַזאַ מדינהלע...) זיין דער ערשטער צו עפענען זיינע אָפיסעס אין ירושלים, און אַזוי אַרום ראַטעווען דעם פּאָליטישן סטאַטוס פון דער מלוכה־הויפּט־שטאָט יערוזאַלעם.

דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר וועט דאָס טאַקע זיין דער ראש וראשון, דער סאַמע ערשטער צו מאַכן פון אַ שטיק הייליקע ערד „טעררא־שטנא, פון דער עיר הקודש ירושלים“ „אומבאַרירלעכע“ דויטשע ערדע, דע פאַטאַ און דע יורע...

איי־איי, דאָס „כבתא זקוק לה“־פשטל! אַלע קשיות ווערן דאָך פאַרענטפערט לשטתו: אַז מען כאַפּט זיך אַרום מיטן גנב, האַלט מען זיך מיט אים.

...און איז דען דאָס נישט דער ווילן פונם פאָלק, „דער רוב מנין און רוב בנין“? איז דען נישט דער דייטשער אָפּמאַך אַדורך מיט אַ מערהייט פונם כנסת? מיטן צושטימונג פון אַלע פאַרטייען?

דאָס יידישע פאָלק איז דעמאָקראַטיש, פאָליטיש־רייף, באַוווסטזיניק; די מערהייט פונם יידישן פאָלק איז נישט געפילפול סענטימענטאַל. די יידישע מדינה אין דער אַוואַנגאַרד פון דעמאָקראַטיע אין דעם דעספּאָטישן פינסטערן, טיראַנישן אָריענט; צווישן די מיטלאַלטערלעך־חושכדיקע מזרח־פעלקער. מ׳האָט אָפּגעשטימט און ס׳איז געווען אַ מערהייט — הכל בסדר!

יאָ, אין דעם פאַרוואָלקנט־פאַררויכערטן אַרום, אין דער וואַקכאַנאַליע פון דער דרייאייניקייט פון קאַרליק קאַנאַליע און קאַליקע, ווען פונם דייטשן קרעמאַטאָריום־קוימען שפּרינגט דער שטן אַרויס, אַ שוואַרצער פאַרריסטער, מיט אַ לאַנגער רויטער צונג להודות ולהלל מיט פאַרברידערונג־לידער, מיט קדושים־קינות; דעמאָלט אין דער שטאָק־פינסטערניש, גייט אויף ווי אַ הייליק ליכט אין די אויגן דאָס ברענענדיקע ירושלים, אין דער נאָכט פון דער כנסת־אָפּשטימונג פאַר די דייטשע שילומים — „בימים ההם ובזמן הזה“!

די באַוואָפנטע ישראל־פּאָליציי טרייבט אַוועק מיט נאַגייקעס די יידישע מאַסן־דעמאָנסטראַציע! אַ פייערדיקער רינג פון פלאַקערדיקע פלאַמען אַרום



דעם כנסת־בנין, אַז די ברויזנדיקע מאַסע זאָל נישט קענען צוקומען און שטערן די פאַרטייאישע קאָמבינאַציע־אָפּשטימונג, וועלכע וועט דערגרייכט מיט אַ גאַנץ קליינע מערהייט, אַ דאַנק די אַראַבישע דעפּוטאַטן, וועלכע זיינען „אין טרעבלינקע נישט געווען“...

אָט־אָ די הייליקע פלאַמען אין בחצות ירושלים וועלן בלייבן דער „נס גדול היה שם“, דער „הדליקו נרות בחצרות קדשך“ — — — — — — —

אַז מען שטייט פנים אל פנים מיט דער געשיכטע און מיט די געשיכטעמאַכערס, פאַרשטייט מען ערשט, פאַרוואָס אין דער קאַנאָניזירונג פונם תנ״ך זיינען די חשמונאים־ביכער נישט אַריינגענומען געוואָרן. דער דיפּלאָמאַטישער געדריי איז צופיל פאַראַנען אין זיי. דער מחבר האָט דעם געגעבן צופיל אויפמערקזאַמקייט, אַז זיי, די ביכער זאָלן קאָנען בלייבן צווישן די ספרי קודש— דיפּלאָמאַטישער פּאַטריאָטיזם איז גאָר ווייט פון פאָלקס־קדשה!

זיי, די חשמונאים־ביכער, געהערן גיכער צו פאַך־ליטעראַטור פון מלחמהפירונג און סטראַטעגיע, זיי פאַסן זיך בעסער צו זיין האַנט־ביכער פון געשולטע דיפּלאָמאַטן... צו בלייבן געשיפטלעכע ספרים, געהייליקטע פאַרן פאָלק, איז נישט דווקא נויטיק נאַציאָנאַלע טענדענץ, עס איז גענוג דאָס ביסעלע שמן־זית, נאָר הייליק און לויטער ריין געהאַלטן און באַהאַלטן אינם ערדענעם קריגעלע, פאַרחתמעט מיטן חותם פונם כהן־גדול.

אויך דער ספר בן־סירא, וואָס איז שוין, ווי עס שיינט, געווען אַריינגענומען צווישן די כתבי קודש, ווייל אין דער גמרא געפינען מיר אָפט „כמו שנאמר בבן־סירא“, ווי עס שטייט געשריבן אין בן־סירא, אָבער ביי אַ גוטע רעוויזיע, אפנים, איז עס ביי אַ נייער רעדאַקציע אַרויסגענומען געוואָרן.

מסתם אויך איבער דעם אייגענעם טעם ווי די חשמונאים־ביכער. נישט ווייל די בן־סירא אַפאָריזמען זיינען ווייניקער נוצלעך, אָדער זיי שטייען חלילה אָפּ אין זייער חכמה פון משלי שלמה, נאָר ווייל „ביים סוף פסוק“, ביים שלוס פון ספר בן־סירא, האָט זיך אַריינגעכאַפּט דאָס הערלעכע קאַפּיטל, די גלאָריפיצירונג פון חוניו כהן גדול, ווי אין סוף משלי דאָס אשת חיל קאַפּיטל. אָבער אויב אין הייליקע ספרים קוקט מען נאָך אַ ביסל אַוועק פאַר פאַרהערלעכונג פון אַ פרוי, אָבער דינאַסטיע פאַרהערלעכונג דאָס שמעקט שוין מיט ענגען פּאַטריאָטיזם און פּראָפּאַגאַנדע. ווי שיין די שאַפונג זאָל נישט זיין קינסטלעריש און סטיליסטיש, פאַרלירט עס די אוממיטלבאַרע ריינקייט און שעפערישע קדושה.

די געשיכטלעך־ליטעראַרישע באַמערקונג איז נישט אַ מין הקדמה צו דעם בן־סירא קאַפּיטל וועלכעס מיר דריקן דאָ ווייטער אין דער יידיש־איבערזעצונג. עס איז אַ מוסר־השכל פאַר די אַלע אויסגאַבעס ספרים־ביכער, וואָס מען קוואַפּעט זיך אַרויסצוגעבן מיט דער הילף פון די דייטשע אָפּמאַך־געלטער. די נצח־ישראלדיקע יידישע געשיכטע האָט אַ גוטן געשמאַק און נאָך אַ בעסערע יידישע נאָז: קודם כל מוז זיין דער „לא ישקר“ — קיין פעלטשונג טאָר נישט זיין אין יידישן שאַפן, אינם אָנגעצונדענעם נר־תמיד פון דער יידישער נשמה, וואָס איז דער ציטערדיקער געדאַנק און דאָס שטאָלצע אויפפלאַמען פון נצח־געדאַנק.

פונם „ביזת־הים“ האָט מען כאָטש געקאָנט לאָזן אויפטאַנצן אַ גאָלדן קאַלב אין דער מדבר, אָבער פון אַזאַ פאַלטשן קופער און טעמפיקן בליי געקלאַנג, פון אַזעלכע שילומים־„טמאים ביד טהורים“־„ביזנעס“?

אַז מען כאַפּט שיריים פון טיש פון אַ נאַהום גאָלדמאַן, עליו השנאָבל, און פון אַדענאורן, דעם גוטן־דייטשן, בשעת דאָס אַסימילירטע יהודים־טמא זיצט אַרום און באָמקן צו דעם „הייל־הייל“־ניגון: „דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס“, כאַפּט מען שוין אויף, בדחילא ורחימא יעדעס וואָרט פון זייער שמייליקער טאורא:

איי־איי דער געוואַלטיקער קאָפּשטיק, דער מוח־מענטש, דער רבי רב נחומטשע! אַז דער ראש פונם ישראל אויסערן מיניסטעריום (אויך אַ דייטשער יהודי...) גיט שוין אָנצוהערן, בפרהסיא, אַז אַ דויטשער קאָנסולאַט אין ישראל איז ממש אַ סכנת־נפשותדיקע נויטווענדיקייט — וועט טאַקע דער דייטשער קאָנסולאַט (נאַטירלעך נישט פאַן נויראַט, אַזאַ פערזענלעכקייט איז צו גרויס פאַר אַזאַ מדינהלע...) זיין דער ערשטער צו עפענען זיינע אָפּיסעס אין ירושלים, און אַזוי אַרום ראַטעווען דעם פּאָליטישן סטאַטוס פון דער מלוכה־הויפּט־שטאָט יערוזאַלעם.

דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר וועט דאָס טאַקע זיין דער ראש וראשון, דער סאַמע ערשטער צו מאַכן פון אַ שטיק הייליקע ערד „טעררא־שטנא, פון דער עיר הקודש ירושלים“ „אומבאַרירלעכע“ דויטשע ערדע, דע פאַטאָ און דע יורע...

איי־איי, דאָס „כבתא זקוק לה“־פשטל! אַלע קשיות ווערן דאָך פאַרענטפערט לשטתו: אַז מען כאַפּט זיך אַרום מיטן גנב, האַלט מען זיך מיט אים.

...און איז דען דאָס נישט דער ווילן פונם פאָלק, „דער רוב מנין און רוב בנין“? איז דען נישט דער דייטשער אָפּמאַך אַדורך מיט אַ מערהייט פונם כנסת? מיטן צושטימונג פון אַלע פאַרטייען?

דאָס יידישע פאָלק איז דעמאָקראַטיש, פּאָליטיש־רייף, באַוווסטזיניק; די מערהייט פונם יידישן פאָלק איז נישט געפילפול סענטימענטאַל. די יידישע מדינה אין דער אַוואַנגאַרד פון דעמאָקראַטיע אין דעם דעספּאָטישן פינסטערן, טיראַנישן אָריענט; צווישן די מיטלאַלטערלעך־חושכדיקע מזרח־פעלקער. מ'האָט אָפּגעשטימט און ס'איז געווען אַ מערהייט — הכל בסדר!

יאָ, אין דעם פאַרוואָלקנט־פאַררויכערטן אַרום, אין דער וואַקכאַנאַליע פון דער דרייאיינִיקייט פון קאַרליק קאַנאַליע און קאַליקע, ווען פונם דייטשן קרעמאַטאָריום־קוימען שפרינגט דער שטן אַרויס, אַ שוואַרצער פאַרריסטער, מיט אַ לאַנגער רויטער צונג להודות ולהלל מיט פאַרברידערונג־לידער, מיט קדושים־קינות; דעמאָלט אין דער שטאָק־פינסטערניש, גייט אויף ווי אַ הייליק ליכט אין די אויגן דאָס ברענענדיקע ירושלים, אין דער נאַכט פון דער כנסת־אָפּשטימונג פאַר די דייטשע שילומים — „בימים ההם ובזמן הזה“!

די באַוואָפנטע ישראל־פּאָליציי טרייבט אַוועק מיט נאַגייקעס די יידישע מאַסן־דעמאָנסטראַציע! אַ פייערדיקער רינג פון פלאַקערדיקע פלאַמען אַרום



דעם כנסת־בנין, אַז די ברויזנדיקע מאַסע זאָל נישט קענען צוקומען און שטערן די פאַרטייאישע קאָמבינאַציע־אָפּשטימונג, וועלכע ווערט דערגרייכט מיט אַ גאַנץ קליינע מערהייט, אַ דאַנק די אַראַבישע דעפּוטאַטן, וועלכע זיינען „אין טרעבלינקע נישט געווען“...

אָט־אָ די הייליקע פלאַמען אין בחצות ירושלים וועלן בלייבן דער „נס גדול היה שם“, דער „הדליקו נרות בחצרות קדשך“ — — — — — —

אַז מען שטייט פנים אל פנים מיט דער געשיכטע און מיט די געשיכטע־מאַכערס, פאַרשטייט מען ערשט, פאַרוואָס אין דער קאַנאָניזירונג פונם תנ"ך זיינען די חשמונאים־ביכער נישט אַריינגענומען געוואָרן. דער דיפּלאָמאַטישער געדריי איז צופיל פאַראַנען אין זיי. דער מחבר האָט דעם געגעבן צופיל אויפמערקזאַמקייט, אַז זיי, די ביכער זאָלן קאָנען בלייבן צווישן די ספרי קודש— דיפּלאָמאַטישער פּאַטריאָטיזם איז גאָר ווייט פון פאָלקס־קדשה!

זיי, די חשמונאים־ביכער, געהערן גיכער צו פאַך־ליטעראַטור פון מלחמה־פירונג און סטראַטעגיע, זיי פאַסן זיך בעסער צו זיין האַנט־ביכער פון געשולטע דיפּלאָמאַטן... צו בלייבן געשיכטלעכע ספרים, געהייליקטע פאַרן פאָלק, איז נישט דווקא נויטיק נאַציאָנאַלע טענדענץ, עס איז גענוג דאָס ביסעלע שמן־זית, נאָר הייליק און לויטער רייִן געהאַלטן און באַהאַלטן אינם ערדענעם קריגעלע, פאַרחתמעט מיטן חותם פונם כהן־גדול.

אויך דער ספר בן־סירא, וואָס איז שוין, ווי עס שיינט, געווען אַריינגענומען צווישן די כתבי קודש, ווייל אין דער גמרא געפינען מיר אָפט „כמו שנאמר בבן־סירא“, ווי עס שטייט געשריבן אין בן־סירא, אָבער ביי אַ גוטע רעוויזיע, אפנים, איז עס ביי אַ נייער רעדאַקציע אַרויסגענומען געוואָרן.

מסתם אויך איבער דעם אייגענעם טעם ווי די חשמונאים־ביכער. נישט ווייל די בן־סירא אַפאָריזמען זיינען ווייניקער נוצלעך, אָדער זיי שטייען חלילה אָפּ אין זייער חכמה פון משלי שלמה, נאָר ווייל „ביים סוף פסוק“, ביים שלוס פון ספר בן־סירא, האָט זיך אַריינגעכאַפּט דאָס הערלעכע קאַפּיטל, די גלאָריפיצירונג פון חוניו כהן גדול, ווי אין סוף משלי דאָס אשת חיל קאַפּיטל. אָבער אויב אין הייליקע ספרים קוקט מען נאָך אַ ביסל אַוועק פאַר פאַרהערלעכונג פון אַ פרוי, אָבער דינאַסטיע פאַרהערלעכונג דאָס שמעקט שוין מיט ענגען פאַטריאָטיזם און פראָפּאַגאַנדע. ווי שיין די שאַפונג זאָל נישט זיין קינסטלעריש און סטיליסטיש, פאַרלירט עס די אוממיטלבאַרע ריינקייט און שעפערישע קדושה.

די געשיכטלעך־ליטעראַרישע באַמערקונג איז נישט אַ מין הקדמה צו דעם בן־סירא קאַפּיטל וועלכעס מיר דריקן דאָ ווייטער אין דער יידיש־איבערזעצונג. עס איז אַ מוסר־השכל פאַר די אַלע אויסגאַבעס ספרים־ביכער, וואָס מען קוואַפּעט זיך אַרויסצוגעבן מיט דער הילף פון די דייטשע אָפּמאַך־געלטער. די נצח־ישראלדיקע יידישע געשיכטע האָט אַ גוטן געשמאַק און נאָך אַ בעסערע יידישע נאָז: קודם כל מוז זיין דער „לא ישקר“ — קיין פעלטשונג טאָר נישט זיין אין יידישן שאַפן, אינם אָנגעצונדענעם נר־תמיד פון דער יידישער נשמה, וואָס איז דער ציטערדיקער געדאַנק און דאָס שטאָלצע אויפפלאַמען פון נצח־געדאַנק.

## שמעון בן חוניו דער כהן־גדול

(קאַפּיטל.50.פון.ספר.בן־סירא)

שמעון בן־חוניו, דער כהן־גדול, וואָס האָט ביים לעבן פאַרראָכטן דאָס בית־המקדש, און אין זיינע טעג געשטאַרקט דעם הימל: און פון אים איז גע־וואָרן אויפגעבויט פונם סאַמע יסוד די טאָפּלטע הויכע מויער, די הויכע פעס־טונגס־וואַנט אַרום דעם בית־המקדש. אין זיינע טעג האָבן די וואַסער־רערן פאַרפעלט, האָט ער זיי געמאַכט פון קופּער און עס איז געפלאָסן מיט דער מאָס פון ים. ער האָט פאַרהיטן זיין פאָלק פון אַ מפּלה, און באַפעסטיקט די שטאָט קעגן באַלאַגערונג.

ווי הערלעך איז ער דאָס געווען אין דער עדה פון פאָלק, בשעת ער איז אַרויסגעקומען פון אינעווייניק פונם פרוכת! ווי דער מאָרגנשטערן אין מיטן אַ וואָלקן, ווי די פולע לבנה: ווי די זון שיינענדיק אויפן אויבערשטן הימל, און ווי דער רעגנבויגן לויכטנדיק אויף הערלעכע וואָלקנס. ווי אַ רויזן־בלום אין די טעג פון בכורים, ווי ליליען ביי די וואַסער־פלוסן, ווי אַ שפּראָץ פון ווייררויך־בוים אין די זומער־טעג. ווי אָנגעצונדענע ווייררויך אויף אַ פייער־פאַן, ווי אַן אויסגעהעמערטע כלי פון גאָלד אויסגעצירט מיט כלערליי טייערע איידלשטיי־נער. ווי אַן איילבירטבוים, וואָס בליט מיט פּירות, און ווי אַ ציפּרעס, וואָס וואַקסט הויך אין די וואָלקנס.

ווען ער האָט גענומען אויף זיך דעם הערלעכן מאַנטל, און זיך אָנגעקליידט מיט דער שלימות פון פּראַכט, און אַרויפגעגאַנגען צום הייליקן מזבח, האָט ער פאַרהערלעכט דעם בית־המקדש אַרום. און בשעת ער האָט גענומען די שטיקער קרבנות פון די כהנים׳ס הענט, און ער אַליין שטייענדיק ביים פייער פון מזבח, זיינע ברידער אַרום אים ווי אַ קראַנץ, איז ער געווען ווי אַ יונגער צעדערבוים אין לבנון; און ווי פּאַלמענצווייגן האָבן זיי אים אַרומגערינגלט, און אַלע קינ־דער פון אהרן אין זייער פּראַכט, און גאָטס קרבנות אין זייערע הענט, פאַר דער גאַנצער עדה פון ישראל. און ענדיקנדיג די עבודה ביים מזבח, כדי צו באַצירן דעם אויבערשטנס, כביכול׳ס קרבנות, האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט צום כוס־הנסך, און אויסגעגאָסן דאָס בלוט פון וויינטרויבן; אויסגעלעוּט עס ביים יסוד פון מזבח, ווי אַ ריח־ניחוח דעם אויבערשטן, דעם מלך איבער אַלע.

דעמאָלט האָבן אהרן׳ס קינדער אויפגעהויבן זייער קול, געבלאָזן מיט אויסגעהעמערטע טרומייטן, געמאַכט הערן אַ גרויס שאַלן לזכרון פאַר דעם אויבערשטן. דעמאָלט האָט דאָס גאַנצע פאָלק זיך געאיילט צוזאַמען, און אַני־דערגעפאַלן אויפן פּנים צו דער ערד כורעים פאַר זייער האַר, דעם אַלמעכטיקן גאָט, דעם אויבערשטן. אויך די משוררים האָבן אים געלויבט מיט זייערע קולות; דאָס גאַנצע בית־המקדש איז פול געוואָרן מיט זיסע געזאַנגען. און דאָס פאָלק האָט מתפלל געווען צו גאָט דעם אויבערשטן, געבעטן צום אל־רחום, ביז די פייערלעכקייט פון דעם האַר האָט זיך געענדיקט, און זיי האָבן דערפילט זיין עבודה. דעמאָלט איז ער אַראָפּגעגאַנגען, און אויפגעהויבן זיינע הענט איבער דער גאַנצער עדה פון די קינדער ישראל, צו געבן גאָטס ברכה מיט זיינע



לעפצן, און צו לויבן זיין נאָמען. און זיי האָבן זיך געבוקט צום צווייטן מאָל, אָנ־צונעמען דעם אויבערשטנס ברכה.

און איצט לויבט אַלע גאָט, וועלכער טוט וווּנדער גרויסע זאַכן אומעטום, וועלכער טוט דערהויבן אונזערע טעג פונם מוטערלייב אָן, און האַנדלט מיט אונז לויט זיין רחמנות. זאָל ער אונז געבן אַ פריילעך האַרץ, און עס זאָל זיין שלום אין אונזערע טעג אין ישראל ביז אייביק. צו באַשטעטיקן זיין חסד ביי אונז; און ער זאָל אונז אויסלייזן אין זיין צייט!

(פון גריכישן — א.א.)

---

## יוסף הלל לעווי

### נס־חנוכה . . .

1

פון אַ ציטערדיקער האַנט,
ווערט דער חושך טיף געדיכט,
דורכגעשניטן מיט אַ ליכט
ווי דאָס גלאָז מיט אַ דיאַמאַנט . . .

פון אַ הייליק זיסן קול,
און אַ סאַמעט־ווייכער קעל
ווערט דער היינט אַזוי דאָ העל —
ווי דער גאָלדענער אַמאָל . . .

מעג דער חושך זיין געדיכט,
פחד נויט אין יעדן הויז,
קנאה, שנאה אַלץ באַגלייטן;
וועט ס׳געזאַנג און ס׳חנוכה־ליכט
קיינמאָל זיך נישט לעשן אויס,
לייכטן איבער אַלע צייטן!

2

דרויסן האָט געשיט דער שניי
ווי אַ קאַץ פאַרזשורעט —
האָט די זון אין זאַווערייש
ס׳אויג, און זיך פאַרכמורעט.

געסלעך, הייזלעך, טיף פאַרהילט —
אינם שניי פאַרשוויגן;
האָבן וואַרעם זיך געפילט
קינדער אין די וויגן.

ס׳האָט דער אָוונט זיך אין ווינט
שטיל געוויגט אַהין און צוריק;
אויפצוהערן ווי עס צינדט:
פרום דער חזן פאַר דעם בורא,
אויף דער אַלטערשולס־מנורה
חנוכה־ליכטלעך מיט מוזיק.

3

אויף דעם וועג צעגליטשט ווי גלאָזן
דאָרט ווו ס׳קאָן דער פראָסט
נאָר שטיק, —
האָבן קינד און קייט געלאָזן
זיך אין אַלטער־שול אַריין!

מיט דערוואַרטונג און באַגערן,
מיט בטחון און מיט גליק,
חנוכה־ליכטלעך בענטשן הערן —
מיט געזאַנג און מיט מוזיק!

ביז עס האָט גענומען גיסן —
האַרציק זיך מיט צויבערקלאַנג;
טיף צעזאַמען מיט אַ זיסן
ניגון, מוזיק מיט געזאַנג.

עולם נבהל ונשתומם
ס׳איז פאַרכשופט קינד און קייט;
און די הערצער שוועבן ווייט
אין די עולמות עליונים.

4

חזנס אויגן שטראַלן, גליען,
פון זיין בלאָס געזיכט אַרויס,

און דאָס חנוכה־פּלעמל בליען —
טוט אויף ווי — אין שניי אַ רויז . . .

ווי די ריחות טראָגן קלאַנגען —
פון אמונה, פרייד און קלעם ;
זיך מיט טרערן און געזאַנגען :
ברוך אתה אדושם !

אויפגעוויגט — פון טויט און פּחדים,
מן המצר רופט זיין קול !
פאַר די נסים און די חסדים,
גאָט, פון היינט און פאַר אַמאָל —

כ׳וועל דיך קיינמאָל נישט פאַרבייטן,
ביז כ׳וועל זיין אין ערד צעשטויבט,
גאָט פון אַלע אייביקייטן —
זיי געבענטשט מיר און געלויבט !

5

דרויסן שפּילט דער זאווערײ —
אויף כלערליי אופנים !
יונים נקבצו עלי,
אזי בימי חשמנים !

אין דער שול — עס שאַלט מיט גלי
אַ זמר למנצח !
מעוז צור ישועתי,
לך נאה לשבח !

עולם, חזן, שול, מנורה,
אינעם הייליקן אין סוף
וועבן ליכטיק זיך צענויף ;
טיף לעבודת צו דעם בורא
וואָס גייט איבער דור צו דור,
אז אגמור בשיר מזמור ! . . .

6

ס׳איז דאָס וואַסער אינעם פּעסל
איבערנאַכט געוואָרן אייז,
און דאָס נאַקעט־אָרעמע געסל
אָנגעטאָן אין קאַפּטאָן ווייס.

פון דעם קאַפּטאָן האָט אַ טלית
בלוי־ווייס זייד אַראָפּגעשמעקט ;
דאָס עניות מיט דעם דלות
און דאָס שפלות צוגעדעקט.

ס׳האָט געבלישטשעט ווי בריליאַנטן,
ס׳געסל פון דער קעלט פאַרגלאָזט.
און געשפּילט ווי מוזיקאַנטן —
האָט דער שניי און אייז, אין פראָסט !

אין אַ חלום׳דיקן ניגון —
ליכטיג אויסגעשימערירט ;
פון די שטערן האָט געשוויגן —
ס׳געסל און זיך נישט גערירט.

גאָט רחמנות האָט באַקומען,
און דעם געסלס פּיין דערזען,
אים דאָס דחקות צוגענומען
און געלאָזט אַ נס געשען !

אויסגעשפּילט פון נויט די בכיות
האָט דאָס געסל אין אַ שיר, —
און געוואָרן פון עניות —
איבערנאַכט אַ גרויסער גביר !

7

דורך אַ זילבער שנייען־בויגן,
מיט די פליגעלעך פון זייד,
קומט אַ מלאכל געפלויגן —
אָן פון הימל־ווייס פאַרשנייט.

ווען עס מאַכט די הימל־אויגן
אויף, ווערט אַלעס גאָלד־צעהעלט,
און מיט בלויקייט אָנגעזויגן —
ווייט און ברייט די גאַנצע וועלט . . .

מיט סמאראגד, רובין, סאַפּירן,
מיט בריליאַנטן, גאָלד־צעשטראַלט ;
און מיט געטלעכע קאָלירן —
שימערירט זיין ליכט־געשטאַלט.

און ער זעצט זיך שטיל אַנידער,
צווישן קינדער נישט געזען,
זינגט מיט זיי די חנוכה־לידער —
פון דעם נס וואָס איז געשען.



ביז ער זינגט מיט גרויס כוונה
פון זיין ליד דעם סוד אַרויס,
פון דער געטלעכער מתנה
וואָס ער ברענגט פאַר יעדן הויז —

ווו די קינדער יידיש פּילן
זיך פון לויטער יידישקייט,
רעדן יידיש, יידיש שפּילן —
זיך באַטעמט באַחנטערהייט.

האָט דער מלאך שפע ברכה
מיט דעם מזל פון דער וועלט,
מיטגעבראַכט זיי מיט הצלחה
אין זיין זעקל חנוכה־געלט

און ער טוט געדעכט מיט וואונדער
סיי צו אָרעם סיי צו רייך
אַלע יידיש ליבע קינדער
עס פאַרטיילן האַרציק גלייך !

---

משה דאָמב

## דער נס חנוכה פון דער משוגענע לאַנע

אין יענע ווינטער טעג זיינען געווען ווייעגדיקע שנייען מיט גרויסע פרעסט. קופּעס שניי זיינען געווען אָנגעלייגט נעבן די שטעטלדיקע הייזקעס. דאָס שטעטל האָט אויסגעקוקט הויקערדיק און צעקרימט, די טעלעפאָן־דראָטן זיינען געווען פאַרפרוירן מיט שניי, ווי ווייסע לאַנגע שטריק האָבן זיי זיך געצויגן איבער די פאַרוויאַנעטע מיט שניי שאָסייען. ווו־ניט־ווו איז איבער די פאַרפרוירענע דראָטן געהאָנגען אַ געפרוירענער צום טויט פויגל. וואָס נענטער צו חנוכה אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן די פראָסט. ס׳האָבן געפּלאַצט די שינדלען אויף די דעכער, די שויבן זיינען געווען מיט אייז־בלומען באַדעקט, און אייז־שטערנדלעך האָבן געשיינט ווי שטערן אין הימל.

ביינאַכט האָבן הינט געוואָיעט מיט אימה צו דער זילבער־ווייסער לבנה. קינדער זיינען אין חדר נישט געגאַנגען, מאַמעס האָבן זיי געטוליעט און געזונגען ווינטער־לידלעך, און דערציילט מעשהלעך וועגן ווייטע, פאַרשנייטע וועגן, פעלדער, וועלדער, מיט הונגעריקע וועלף, וואָס קעמפן מיט וואַלד־גזלנים. קינדער האָבן געמאַכט דריידלעך. אין שטוב איז געווען וואַרעם, ווו־ניט־ווו האָט מען געהערט אַ ניגון:

„אויפן פריפּעטשיק ברענט אַ פייערל, אין די שטוב איז הייס,
און דער רבי לערנט מיט די קינדערלעך קמץ אלף בית״.

אין די קיך האָבן שוין מאַמעס אויסגעלאָזט שמאַלץ אויף פסח, די גריוון האָבן געקוואַקעט און געזידט, מ׳האָט געפּרעגלט חנוכה לאַטקעס, און די טאַטעס האָבן דערציילט דעם נס פון חנוכה, און ביי די פאַרפרוירענע ווייסע פענסטער האָבן זיך געלויכטן די חנוכה־ליכטלעך, און דעריבער האָט מען ווייניק מענטשן געזען אויף די גאַסן פון שטעטל. נאָר איין משוגענע, לאַנע, איז אַרומגעלאָפן אַ באָרוועסע, מיט צעפּלאָשעטע פעך־שוואַרצע האָר, און פאַר יעדנס פענסטער געבענטשט חנוכה־ליכט און געזאָגט „על־הנסים״.

די משוגענע לאַנע איז געווען אַמאָל אַ רייכע שיינע פרוי, מיט טונקעלע מאַנדל־אויגן, און פעך־שוואַרצע האָר, און אַ פעסטע הויכלעכע פיגור. זי האָט

זיך פאַרליבט אין אַ יידיש־רוסישן דאָקטאָר, וועלכער האָט באַזוכט דאָס שטעטל מיט די רוסישע אַרמיי. זי האָט געהאַט מיט אים אַ הערלעך שיין קינד. אָבער אין דער צייט פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה האָט ער געמוזט אַוועק פון שטעטל מיט דער רוסישער אַרמיי אויפן פראָנט. נאָכן אָפּוואַרטן לאַנג, לאַנג אויף איר געליבטן מאַן האָט זי פּלוצלינג דערהאַלטן אַ ידיעה אַז ער איז דערהרגעט געוואָרן ערגעץ אין רוסלאַנד. פון דעמאָלט אָן איז די שיינע לאה׳לע משוגע געוואָרן, געריסן זיך ביי די האָר און גערופן זיך „לאַנע“, פאַרוואָרלאָזט איר שיין קינד, ביז ס׳איז געשטאָרבן. זינט איר קינד איז געשטאָרבן האָט זי כסדר נאָכגעיאָגט פרעמדע קינדער און פאַר זיי געזונגען לידער און דערציילט מעשהלעך, אָבער אַמייסטן פלעגט זי צולויפן צו די פענסטער און זינגען אַזוי:

אוי נאַנע, נאַנע,<br>
באַהאַלט דיינע קינדער<br>
ווייל אונטערן פענסטער שטייט לאַנע...

חנוכה האָט זי אָפּגעוואַרט די חדר־קינדער, און אַרויסגעריסן פון זייערע הענט די קאָלירטע פּאַפּירענע לאַמטערנס, און פלעגט זיי אַזוי לאַנג אַרומדרייען אין האַנט, ביז די לאַמטערנס זיינען פאַרברענט געוואָרן, און דערביי זינגענדיק איר באַליבט לידל:

קינדערלעך, מאַכטס מיט די דריידעלעך אַ שפּילעכל<br>
אוי, ביי לאַנע דרייט זיך דער קאָפּ ווי אַ מילעכל.

ווינטער פלעגט די משוגענע לאַנע ווינען ביי בעריש בעקער אויפן פּיעקעליק, פאַר דעם פלעגט זי טראָגן וואַסער פון דער שטאָטישער פּלומפּ. זומער האָט זי געוווינט אין שטעטלדיקן הקדש. אָט דאָרט אין הקדש האָט לאַנע צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט מיט דעם שטאָט־נאַר „שלמה דאָקטאָר“, וועלכער איז געווען אַ קליינגעוויקסיקער מיט לאַנגע שוואַרצע האָר, און פלעגט אייביק טראָגן אַ לעדערנעם בייטל אין האַנט, און אַרומלויפן איבער די שטעטלדיקע גאַסן און זיך רופן שלמה דאָקטאָר. די גויים פלעגן אים רופן אין שפּאַס „פּאַניע דאָקטאָר סאָלאָמאָן“. אָבער אויך דער פאַרנאַרטער דאָקטאָר סאָלאָמאָן איז איינמאָל אַוועק ערגעץ, און ער איז נישט צוריקגעקומען אין שטעטל אַריין. אָט דאָס טראַגישע לעבן האָט נאָך מער געמאַכט משוגע די שיינע לאה׳לע.

פּויערים וועלכע זיינען געקומען קויפן ברויט ביי בעריש בעקער האָבן דערציילט, אַז בייזע וועלף האָבן צעריסן דעם פאַרנאַרטן דאָקטאָר סאָלאָמאָן, וואַנדערנדיק ערגעץ טיף אין די וועלדער פון „הייליקן קרייץ“. פון דאַמאָלט אָן האָט די משוגענע לאַנע געהאַט אַ מורא קאָמפּלעקס פאַר ווילדע וועלף. ווען שואל פּויער, דער דאָרפסגייער, איז אַמאָל געקומען אין שטעטל אַריין, חנוכה־צייט, האָט ער דערציילט אין בית־המדרש, אַז אַרום די דערפער קומען אָן פיל סטאַדעס וועלף און לויערן אויף קינדער און רינדער, און פּויערן ברענען ביינאַכט סנאָפּעס שטרוי, כדי מיטן פייער צו פאַריאָגן די וועלף, און עס דערנענטערן זיך שוין באַלד צום שטעטל גאַנצע סטאַדעס וועלף, ווייל די זאַווערוכעס



מיט די געדיכטע שנייען און פרעסט מאַכן די וועלף הונגעריק און דורשטיק, ווייל אַלע טייכן זיינען געפרוירן. דורשט מאַכט נאָך די וועלף מער און מער ווילד, און זיי לויפן דערפאַר נאָנט צו דער שטאָט, זוכן וואַסער.

באַלד איז אין שטעטל געוואָרן אַ רעש, מענטשן זיינען אין די נעכט געזעסן אין די היימען. מאַמעס האָבן געהיטן זייערע קינדער. בלויז די משוגענע לאַנע האָט אַרומגעוואַנדערט איבער די פאַרשנייטע געסלעך און געוויעט פאַר די פענסטער פון די הייזקעס, געוואָלט נאָכמאַכן דאָס וואָיען פון די וועלף. אָבער אַלע האָבן געוווסט אַז דאָס איז די משוגענע לאַנע. ווען ס׳האָבן געלויכטן אין די שטובן די חנוכה־ליכט, איז לאַנע וואַנדערנדיק איבערן שטעטל געלאָפן מיט אַ לאַמטערנע אין האַנט און כסדר געשריגן: „וועלף! וועלף! אַנטלויפט׳ס, באַהאַלט אייערע קינדער אין די שטובן“. אָבער פּלוצלינג איז איר אַקעגנגעלאָפן דער פאַרנאַרטער דאָקטאָר סאָלאָמאָן — אַ צוריקגעקומענער פון זיין „פאַרפאַלן ווערן“ — זיך אַרומגעכאַפּט מיט איר, און אַזוי לויפנדיק צוזאַמען האָבן זיי הויך געשריגן, אַז וועלף קומען צום שטעטל.

ווען לאַנע איז געקומען נענטער צו דער שול, האָט זי געגעבן דעם פאַרנאַרטן דאָקטאָר זיבן ליכט מיט אַ שמש און געזאָגט צו אים: „קריך אַרויף אויפן דאַך פון שול און צינד אָן די אַלע זיבן ליכט מיטן שמש, ווייל היינט איז דער זיבעטער טאָג חנוכה און כ׳האָב אַזוי מורא פאַר די וועלף, אפשר וועט געשען אַ נס אַז די וועלף וועלן זיך שרעקן פאַר די ליכט פון חנוכה“. שלמה האָט שטאַרק מורא געהאַט פאַר זיין משוגענע ווייב, און ער איז שנעל אַרויף אויף דעם נידריקן שינדל־דעכל פון דער שטעטלדיקער שול, אָנגעצונדן די זיבן ליכט מיטן שמש, און אַרומגעשטעלט מיט קעסטלעך, אַז דער ווינט זאָל זיי נישט אויסלעשן. נאָך דעם איז ער שנעל אַוועקגעלאָפן זוכן זיין ווייב לאַנע.

ס׳איז געווען אין מיטן דער נאַכט. די זאַווערוכע האָט אויפגעהערט, דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די פיס, שניי־שטערנדלעך האָבן געשווינדלט פאַר די אויגן, מענטשן זיינען שוין לאַנג געשלאָפן, בלויז ביי בעריש בעקער האָט זיך געברענט דער נאַפט־לאָמפּ, ווו־ניט־ווו איז דורכן שטעטל שנעל אַדורכגעלאָפן אַ פּויערישער שליטן, מיט גלעקלעך און העט ווייט איבערן שטעטל, אויף די שניי ווייסע פעלדישע האָריזאָנטן, האָבן זיך געלויכטן פייערדיקע סנאָפּעס מיט שטרוי, כדי אַוועקצויאָגן די ווילדע סטאַדעס וועלף. דער נאַרישער שלמה איז אַן אָפּגעריסענער, אָפּגעשליסענער, אַרומגעבראָדזשעט זוכן זיין ווייב. פּלוצלינג דערהערט ער אַ גלאָקן־געקלאַנג פון דעם שטאָטישן קאָשציאָל, און אַרום די געסלעך לויפן מענטשן מיט פאַרוווּנדערטע אויגן, זען וואָס ס׳איז געשען. דער ווידערקול פון דעם גלאָקן־געקלאַנג פאַרגרעסערט זיך איבער דעם פאַרשנייטן שטעטל. ווען ער איז צוגעקומען נענטער צום קאָשציאָל טורעם, האָט ער דערזען ווי זיין ווייב, לאַנע, שטייט אויפן טורעם אַן אָפּגעריסענע, האַלב נאַקעט, מיט צעלאָזטע האָר, וואָס דער אימפּעט פון די גלעקער האָט צעיאָגט, מיט אַ ווילדן בייזן שמייכל אויפן פּנים, און שטשירענדיקע שיינע ווייסע ציינער, און שטאַרק אָטעמדיק האָט זי געצויגן די שטריק פון די ריזיקע

גלעקער. דערווייל האָט מען דערזען אַ גרויסן שיין פון אַ פייער איבערן שטעטל, דאָס האָט די הילצערנע שול געברענט.

ווען לאַנע האָט דערזען דעם פלאַם פייער, איז זי שנעל אַראָפּגעשפּרונגען פון קאַשציאַל־טורעם, און צוגעלאָפן צו איר מאַן, שלמה, גענומען אים ביי דער האַנט און האַסטיק געלאָפן איבערן שטעטלדיקן מאַרק, שרייענדיק מיט אַ ווילדע קוויטשעריי: „אַ נס איז געשען וואָס די **חנוכה־ליכט האָבן זיך געברענט** אויפן שול־דאַך, און די גלעקער פון קאַשציאַל־טורעם האָבן געקלונגען, אויב נישט וואָלטן אונז די ווילדע וועלף אויפגעגעסן". אַ מידע, אַ פאַרסאָפּעטע, האָט זי זיך אָוועקגעזעצט ביים שטאָטישען פּלומפּ צוזאַמען מיט איר מאַן שלמה, און זיי האָבן זיך הילכיק צעזונגען:

„מענטשן, מענטשן, גיטס געלט עפּעס...
חנוכה איז דאָך שיין און ווויל, מיט אַ גרויסן נס,
גיטס מענטשן, טאַקיש עפּעס...

---

שמואל ווהייט

## פאמאכעט ביי אַ חנוכה־פאַרוויילן*

פאמאכעט איז אויך געווען
ביי אַ חנוכה־פאַרוויילן.
אַ חוץ חנוכה־ליכט האָט ער געזען
אַ „קריסטמעס"־בוים; ס'איז פיל צו דערציילן.

דער זיידע האָט ליכטלעך געבענטשט
און געזונגען „מעוז צור",
און די אייניקלעך האָבן „קאַראלס"
געזונגען — גאָר אַ נייער שיר...

מ'האָט „ראָוסט־טערקי" געגעסן,
און מיט „קריסטמעס־פּודינג" פאַרביסן;
דער זיידע איז אין אַ ווינקל געזעסן
מיט געפייניקטן געוויסן.

דער נייער דור, וואָס וועט פון אים ווערן? —
זיפצט ער מיט אַ פאַרקלעמטער ברוסט;
אָן אויפהער קייקלען זיך טרערן —
אוי, ווי ס'ווייטאָקט, ווי עס פאַרדריסט!

* פונם בוך „פאַמאַכעט דער כעלעמער פאָעט", וואָס דערשיינט דעם חודש אין פאַרלאַג „לשון און לעבן" (ביי פריינט פון יידיש לשון).



מאָדנע מנהגים איז דאָס ביי זיי —
מנהגים, הער, זע און פאַרשטיי, —
אַז זיי היטן זייערע ימים־טובים
נאָך פיל שטרענגער ווי זיי.

אין די שולן פראַוועט מען חנוכה
אויף אַן אמתן שטייגער:
מ'בענטשט ליכטלעך און מ'איז עוסק
אין הלכות קאָרטן ביז שפּעט דעם זייגער.

די רעוורענדס שפּילן אויך מיט,
און האָבן אַ ניגון פאַר יעדער קאָרט;
אַ וישמחו ביי אַ טויז;
אויף אַ ניינטל אַן עוזר דלים וואָרט.

איר דערקענט באַלד אין זייער מינע
ווען ער מאַכט מי שבירך איבער אַ גינע,
און ביי אַ צווייטער קאָרט גלייך
זינגט ער אונטער נאָך אַ חצי
מיט אַ פאָלצעט צאַרט און ווייך.

די רעוורענדס זענען מומחים
און קאָנען גוט די „תורה",
און אַ טיאַמנע איז ביי זיי
די אמת־ריכטיקע סחורה...

דאָ קען מען בלינד שלאָגן
וויפל ס'האַרץ נאָר גלוסט;
און וואָס איז מיט אַ כתר בעסער,
אַז אַ האַלבע גינע איז מיסט.

ס'איז חי געלעבט, ווי אין פּסוק שטייט —
דער נס־חנוכה איז געוויס גרויס,
נאָר נאָך גרעסער איז דער נס,
ווען מ'קריגט די פערטע טויז...

---

מיר דריקן אויס אונזער טיפן טרויער און מיטלייד צו אונזער חבר **מ. ווייסגראַז** און זיינע קינדער צוליב דעם פריצייטיקן טויט פון זיין פרוי און מוטער.—יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע אין ענגלאַנד.

---

קיטי בראון

# א לאנדאנער חנוכה . . .

אונזערע פריינט, „די קאָהענס“, זיינען זער פיינע, פּראַקטישע און באַשיידענע מענטשן. זיי האָבן אפילו מיט יאָרן צוריק באַגאַנגען אַ נאַרישקייט, וואָס זי אַ קריסטין, און ער אַ ייד, האָבן חתונה געהאַט. אָבער עס איז פאַרפאַלן.

פון זיכערע קוועלן ווייס איך, אַז וואָס עלטער זיי ווערן, וואָס שטאַרקער פּלאָגט זיי דאָס געוויסן, פאַר באַגיין אַזאַ שריט.

אָבער אַזוי ווי זיי זענען ביידע, אינטעליגענטע און פּראָגרעסיווע מענטשן, דערדריקט מען דעם געפיל ביי זיך טיף אין האַרצן, און מען שווייגט . . .

איבערהויפּט זענען שוין פאַראַן דערוואַקסענע קינדער מיט וועלכע מען דאַרף זיך רעכענען, און זיי האָבן די לעצטע יאָרן איינגעפירט זייער פאַמיליען לעבן אויף אַ פּראַקטישן אופן, דער עיקר איז, זיי ביידע פאַרשטיין זיך, און פּרובירן ניט אונטערצודריקן איינער דעם צווייטנס געפילן.

למשל, ווען עס פלעגט קומען אַ יידישער יום־טוב, אָדער אַ ניט יידישער, האָט מען געמאַכט אַ קאָמפּראָמיס, מען האָט ביידע געפייערט. היינטיקס יאָר האָט זיך דער געפיל ביי זיי בולטער אַרויסגעצייגט ווי ביז איצט . . .

ס׳איז אפנים דערפאַר, ווייל אַז דער מענטש ווערט עלטער, ווערט ער שוואַכער צו באַהערשן זיינע געפילן און געדאַנקען.

די פּרנסה ביי זיי איז אַ גוטע, וווינען זיי אין אַ גרויסאַרטיקן לוקסוס פלעט, און פירן אַ פיין פאַמיליענלעבן.

עטלעכע טעג פאַר קריסטמעס, האָט די בעל־הבית׳טע זיך גענומען גרייטן צו אַ „קריסטמעס פּאַרטי“. זי האָט אָבער מורא באַקומען, אַז איר מאַן זאָל אויף איר קיין פאַריבל נישט האָבן, איז איר איינגעפאַלן אַ גוטער געדאַנק. אַזוי ווי עס איז אויך די צייט פון חנוכה, וועט מען פּראַווען אַ חנוכה־קריסטמעס פּאַרטי, און דאָס וועט זיי ביידן צופרידענשטעלן.

ער האָט די אידייע אויפגענומען מיט צופרידנהייט. מען האָט גלייך געמאַכט די נויטיקע אַראַנזשירונגען פאַר דעם צוועק, און אַרויסגעשיקט איינלאַדונגען צו אַלע קרובים און פריינד, צו קומען פייערן די קריסטמעס־חנוכה־פּאַרטי.

ווען איך האָב דערהאַלטן מיין איינלאַדונג, בין איך, דעם אמת זאָגנדיק, נישט געווען שטאַרק צופרידן, מחמת צוויי טעמים:

ערשטנס איז מיר נישט געפעלן דער נאָמען פון דער פּאַרטי.

עס איז נישט קיין קאָמבינאַציע, האָב איך געטראַכט. ווייל ווי קומט מתתיהו צו קריסטוסן, להבדיל? דער ערשטער, אַ כהן גדול, האָט פאַרשאַפט דעם יידישן פאָלק שטאָלץ און כבוד. דער צווייטער — אַן אייביקן גלות.

צווייטנס, בין איך זער מדקדק אויף כשרות.

איך האָב עס דערקלערט מיין אַלטן, און געגעבן אָנצוהערן, אַז איך האָב ניט קיין חשק צו גיין אַהין.

מיינער אָבער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַ „פּאַרטי“ וואָס רופט זיך חנוכה־קריסטמעס, דאַרף זיין פאַר מיר אינטערעסאַנט; עס ווילט זיך זען



ווי אַזוי אַ כהן ריכט אָפּ דעם סדר־קריסטמעס. און ער איז זיכער, זאָגט ער, אַז איך וועל האָבן וועגן וואָס צו שרייבן. זאָלן יידן זען ווי מען פּראַוועט חנוכה ביי אונדז אין לאָנדאָן — דו ביזט דאָך אַ שרייבערין ביי יידן! — האָט ער געזאָגט מיט גדלות מיך אָנקוקנדיק . . .

וועגן דער צווייטער פראַגע, האָט ער מיר פאַרזיכערט, אַז אויב אַ פרוי, אַ קריסטין, נעמט אָן דעם יידישן גלויבן און מאַכט אַדורך אַלע צערעמאָניעס, לערנט אַלע יידישע דינים און מנהגים, אַזוי ווי אונזער גאָט האָט געבאָטן, איז זיך גאָרנישט דאָ וואָס צו שרעקן. איבערהויפּט, לעבן מיר דאָך היינט אין אַ פרייער וועלט, און אָט די „פּאַרטיס“ קומען פאָר כמעט אין יעדן יידישן הויז.

הכלל, איך האָב זיך געלאָזט פון אים איינרעדן, און ווען עס איז געקומען דער באַשטימטער אָוונט, האָבן מיר זיך ביידע פיין אויסגעפּוצט און אַוועק אַהין.

די טישן זענען געווען געדעקט מיט פאַרשידענע גוטע שפּייזן, מיט געטרענקע און צובייסן.

שפּעטער איז זיך צוזאַמען געקומען אַ היפּשער, אָבער געמישטער עולם. עס זענען געקומען אירע קרובים און פריינט און אויך זיינע. מען האָט גענומען צו ביסלעך, עס איז געוואָרן פריילעך אויפן האַרצן און וואַרים אויף דער נשמה. כדי צו מאַכן די שטימונג נאָך פריילעכער, האָט די דינסט, אויפן פאַרלאַנג פון דער „האָסטעס“, אַריינגעטראָגן אַ גרויסן קריסטמעס־בוים, וואָס איז געווען באַפּוצט מיט טייערע קאָסטבאַרע שפּילצייג פאַר די קינדער, וועלכע די געסט האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך, איבערהויפּט מיט רויטע און בלויע לעמפּלעך, וועלכע האָבן באַלויכטן די גאַנצע שטוב. אַלע האָבן באַוווּנדערט די שיינקייט פון דעם בוים, און אַלץ וואָס האָט זיך געפונען אויף אים. מרס. קאָהענס פּנים האָט געשיינט פון צופרידנהייט.

באַלד איז ער, דער בעל־הבית, אַריין אין צווייטן צימער און פון דאָרט זיך אומגעקערט מיט אַ שיין באַפּוצטן זילבערנעם חנוכה־לייכטער, באַצירט מיט ליכטלעך פון פאַרשידענע קאָלירן, און אים געשטעלט נישט ווייט פון קריסטמעס־בוים. די געסט האָבן זיך אַמוזירט פון דעם געלונגענעם איינפאַל.

מיך האָט די זאַך שטאַרק פאַרדראָסן, פאַרוואָס מען פאַרלעצט דעם שיינעם יידישן יום טוב חנוכה. עס האָט אויסגעזען ווי מיר יידן לאַכן פון זיך אַליין . . . איך האָב די סצענע נישט געקענט פאַרטראָגן, און באַשלאָסן אויסצודריקן מיין פּראָטעסט פאַר דעם חוזק מאַכן פון אַ הייליקטום. מיינער האָט עס באַמערקט און מיך צוריקגעהאַלטן. מען האָט ווידער גענומען צו ביסלעך, און די באַגייסטערונג פון ביטערן טראָפּן האָט געשטיגן מינוטנווייז.

עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ נאַרישע, נישט קיין אויסגעהאַלטענע דיסקוסיע וועגן רעליגיע און גלויבן. דאָ האָב איך באַשלאָסן זיך אויסצונוצן מיט דער געלעגנהייט און איבערצייגן דעם פרייען עלעמענט, אַז אונזער גלויבן און רעליגיע איז אַ שטאָלץ און כבוד פאַר יעדן יידן. מיר דאַרפן גלויבן אין אונזער גאָט, האָב איך אַגיטירט, אַ מענטש אָן אַ גלויבן לעבט ווי אין אַ קאָשמאַר, מיט

שוואַכע האָפנונגען און דערוואַרטונגען. איך האָב, פאַרשטייט זיך, געהאַט גענוג געגנער צו מיין שטעלונג וועלכע האָבן פּרובירט מיך צו איבערצייגן, אַז גלויבן פאַרשקלאַפט דעם מענטשן, און אַז די פּראָגרעסיווע וועלט זוכט אַוועקצומאַכן דערמיט, און זיי האָבן פאַרענדיקט, אַז נאָר דאַן ווען עס וועט ווערן אַוועקגעמאַכט מיט אַלע הערשאַפטן און פאַנאַטיקער, וועט די מענטשהייט זיין אין אַ נאָרמאַלן צושטאַנד. די מאַיאָריטעט איז געווען פאָלקאָם איינשטימיק מיט דער באַהויפּטונג.

מיר איז געוואָרן ענג, איך האָב געוואָלט אַוועקגיין, אָבער עס האָט נישט געפּאַסט פאַר דער געזעלשאַפט, און איך האָב געזוכט אַן אויסוועג.

מרס. קאָהען האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צום בוים און אָנגעצונדן די ליכטלעך לכבוד קריסטמעס. איר מאַן האָט אויך אָנגעצונדן זיינע ליכטלעך לכבוד חנוכה. דער עולם האָט זיך פריילעך צעזונגען און צעטאַנצט. באַלד איז אַריין די דינסט און געמאָלדן אַז דער „סאַפּער" איז פאַרטיק, און פאַרבעטן אַלעמען אין צווייטן צימער צו פראַוון די סעודה.

מיר זיינען אַלע אַריין אַהין. דאָרט האָט מען סערווירט פיינע שפּייזן, עס האָט פאַרשמעקט דאָס צימער. נאָך דעם פאָרשפּייז האָט מען אַריינגעבראַכט אַ היבשע פּאָרציע געבראָטענע פלייש. אינסטינקטיוו האָב איך דערפילט, אַז דאָס פלייש איז נישט דאָס וואָס עס האָט באַדאַרפט צו זיין, לויט מיין מאַנ'ס פאַרזיכערונג... איך האָב באַשלאָסן אונטער אַלע אומשטענדן דאָס נישט צו באַרירן. איך בין געזעסן אין פאַרלעגנהייט און נישט געוווּסט וואָס צו טון. אַלע האָבן מיך אָנגעקוקט און נישט פאַרשטאַנען מיין האַנדלונג. פּלוצלינג איז מיר איינגעפאַלן אַ גוטער געדאַנק ווי אַזוי זיך אויסצודרייען פון דער סיטואַציע. איך האָב שנעל פאַרוואָרפן מיטן קאָפּ און קוים אַרויסגערעדט אַז מיר איז נישט גוט. עס איז געוואָרן אַ טומל צווישן די געסט, מען האָט מיך גענומען מונטערן פון אַלע זייטן. איך האָב אויסגעדריקט אַ פאַרלאַנג צו גיין אַהיים. די בייוועזנדע האָבן זיך אפנים דערשראָקן אַז איך זאָל זיי נישט פאַרשטערן די שמחה, האָט מען אַנשטאָט צו שיקן נאָך אַ דאָקטאָר, אָפּגעקלונגען נאָך אַ טעקסי, מיך מיט מיין אַלטן אַריינגעזעצט און אָפּגעשיקט אַהיים.

ביים געזעגענען זיך האָבן אַלע באַדויערט דעם פאַל, צוגעווונטשן מיר אַ שנעלע בעסערונג, און זיך צוריקגעזעצט צום טיש.

ווען מיר זיינען געווען אָפּגעפאָרן אַ שטיקל וועג און איך האָב זיך געפילט באַקוועם, האָט מיינער אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו מיר און אויסגערופן:

— הלמאי זאָל איך זאָגן, דו ביזט אַ מאַלאָדיעץ... ס'איז טאַקע געווען בשר־קוויטש!

מיר זיינען אַריין אין שטוב און באַשלאָסן מער נישט צו גיין צו קיין חנוכה־קריסטמעס פּאַרטיס.

און אַזוי ווי איר זעט, אַז דער אָוונט איז נישט געווען אינטערעסאַנט, האָב איך ממילא נישט געפונען קיין שום מאַטעריאַל און טאַקע גאָרנישט אָנגעשריבן.



א. נ. שטענצל

## אַזוי ווי מיין האַרץ עס וויל

### פּראָלאָג

„אך הפעם הזה"—שופטים ט.ז. כ.ז

איך ווער עלטער און די וועלט נאָך עלטערער,
אָבער איך וויל זינגען אַזוי ווי מיין האַרץ עס וויל —
אַ פאַרבלאָנקעטער שוואַלב אויף אַן אַנטענע,
פייפט די וועלט אויס מיט איר זיסלעך געטריל.

צי רעדט ווער צו זיך פון אַ שפּיגל אַרויס,
אָדער אונטער אַש־קעסטל גרילצט אַ גריל?
כסדר אָן אויפהער דאָס ווערטער־געפלאַפּל!
אָבער איך וויל זינגען אַזוי ווי מיין האַרץ עס וויל —

אַ הונט פאַרן טויער שטייט גרייט אויף זיין קייט,
דעם מולד באַגעגענען מיט געביל — —
פאַרן שטורעם אויפגעריסן צו ווערן,
זיי, מיין האַרץ, אַזוי איינגעהאַלטן שטיל.

### אַ שמשון הגבור ליד

אַז איך ליב די מיידלעך אונזערע אין צרעה,
לאָזן מיך זייערע טאַטעס נישט איבער די שוועלן;
און אַז כ'געפין שוין אַ קיילעכיקע יתומה,
און איך מיין, מקוים ווערט שוין ווערן מיין וועלן,

קומט עפּעס אַ בחור אַ יאַדישליווער צוגיין,
אויף מיין וועג ווי אַ שטן זיך אַוועקצושטעלן.

ווי כ'וויל אים בלויז ווייזן מיינע פעסטע צוויי פויסטן,
און זי פון שרעק הויבט אָן צו חלשן און וויינען,
ווער איך דעמלט אַזוי פאַרלוירן און אַזוי קליין,
דאָס נידריקסטע גרעזל אויף ישראלס פליינען;

און פון די צאַרטע חן־גריבלעך אין די בעקלעך
פאַרלירט מיין מיידל אַלע אירע זיבן חנען.

אָבער אין תמנה, אין עזה אַז כ'דערזע אַ מויד,
רייס איך קודם די טויערן פון אַלע הייזער,
פאַר איר שוועל וואַרטן אירע טאַטע מאַמע מיך אָן,
פאַרבעטנדיק: „שמשון דער גבור, דער דערלייזער!"

איך באַגניג מיך שוין מיט אַ לעק פונם האָניק,
און מיט פרישן לייבן פלייש כ'בין זייער באַשפּייזער.

און ווען עס יאַוויען זיך אירע חתנים דעמלט,
ווי די הינט מיט איין אייזל־באַק כ׳פּאַרטרייב זיי אַלע,
מיט אונטערגעהאַקטע פיס אויף פּלייצעס לויפן זיי — —
אָ, דאָס הילכיקע געלעכטער פון מיין דלילה כלה!

אַ קוועלענדיקער ים אַ צערוישטער אַרום מיר,
מיין אָרעם לייגט קלאַפּטער אַ כוואַליע נאָך אַ כוואַליע.

ים־אַדלער־פליגל צעפאָכן מיינע צוויי אָרעמס,
די זיילן פון דער וועלט מיט זיי אונטערצוברעכן!
ווי דיך, דלילה, אַ צעלאַכטע צעהוליעטע,
זי טראָגן אַ פריידיקע אויף מיינע האַנט־פלעכן.

אין מיינע הענט, דלילה, אַ בלינדער פון ליבע,
די חידה־לעבן פאַר אַלע מענטשן כ׳באַרעכן!

פיר סאָנעטן

1

אויב עס קאָנען צוויי הערצער איינס נישט ווערן,
ווערט די גאַנצע וועלט צעבראָכן צווישן זיי;
אויב איין לייב נישט דערפילט דעם צווייטנס וויי,
איז איינער דעם צווייטנס לאָגל מיט טרערן.

זיי טריפן און טריפן נישט אויפצוהערן,
מעסערס צו שלייפן אויף שלייפשטיין געדריי!
דאָס פעלזיקסטע האַרץ ווערט דאָך געשפּאָלטן אין צוויי,
אויב איין טרער נאָר האַלט אין איין ווידערקערן — —

זע, ס׳קוקן זיך אָן בליקן — קלינגען־שפּיצן!
שאַרף־געשליפענע גלאָצן גלאַנצן־בליצן,
איינער אין צווייטן זיך אַריינצושניידן.

צוויי מענטשן אין אַ גערעאַנגל אַ שווערן,
ביז לעצטן גסיסה־כאָרכל צו דערהערן,
אויב האַרץ איינס נישט דערפילט דעם צווייטנסליידן.

2

אָ, אפשר קאָן דיך ווער צונעמען פון מיר — —
נאָר נישט דעם צאַרטן ציטער פון מיינע פינגער!
יאָ, איך בין אַן אָרעמער מינדסטער זינגער,
אָבער אַזוי גרויס ווי דער גרעסטער שיער,



דעם פולן אָטעם פון דיין לייב איך דערשפיר.
כ׳בין דער רײַכסטער דעמלט, פון יונגסטן נאָך יינגער,
וואָס שווערער דער גערעאַנגל ווערט ער אַלץ גרינגער,
און מיטן חוצפּהדיקסטן איך דועליר.

נאָר דיינע בריסטן ווי צוויי טאָרבעס פאַרוואָרפן,
בעטל־לידער מיט מיינע פינגער צו האַרפן,
אַ גאַנג אַזוי מיט געזאַנג פון טיר צו טיר?

צו זיין דולצינעאַ* דער נאַרישסטער ריטער,
שטרעקט זיינע האַרפּן־פינגער מיט צאַרטן־ציטער,
אין אָטעם־ריטם אירן גייט ער צו איר.

(שערצא)

3

„איך וואָלט געוואָלט שוין זען דאָס לעצט קינד,
אויף וועלכן אַלע האָרעווען אַזוי שווער;
אַ גאַנצענע וועלט מיט זיך אָן אויפהער,
און איז נאָך אַלץ נישט פערטיק ביז אַצינד״.

איז דער קאָצקער אַריין — אַ שטורעם ווינד,
משונה־ווילד לויפנדיק אַהין און אַהער:
„קוק אים נאָר אָן ווער איז ער און ווער זיין שווער,
און ווער זייער נאָכקומענדיק הויזגעזינד?

„אַז איך בין נישט בן יאיר׳ס חמור* צומאָל,
ווער וועלן מיינע אייניקלעך זיין אַמאָל?
אַזאַ געווידמע מסתמא פון ווערים געקריך!״

„זעט נאָר דעם גוידער, און דער פּעמפּעק ווי גרויס,
אינגאַנצן ווי מיין שוויגער זעט ער דאָך אויס,
דער חי־וקים מיינער, מיין דודל־משיח״.

4

נישט אין מיר, נישט אין דיר — ס׳איז אַ ליגן!
וואָלטן מיר עס אמתדיק און טיף דערפילט,
עס וואָלט הייליק און אייביק אין אונז געשפּילט,
סמוטנער זיסער פאַרשוויגענער ניגון.

איינער נ׳צווייטן זיך אַריינצוקריגן,
געשפּאַנטער פּיילנבויגן אין פינטל געצילט!
אין זיבן שלייערן פלאַטערדיק געהילט,
ווען ווי קינדער־הערצער זיך פאַרוויגן.

ווי שמייכלדיק פאַרשוויגן זיי זיינען,
קינדער געשטילטע מיטן אין וויינען,
פינקלדיקע זונען הענגען די טרערן —

וויפיל פרייד אין די פאַר׳צער׳טע אויגן!
נאָך איז מיין לייב אַ געשפּאַנטער בויגן,
און מיין האַרץ — דער ציל געטראָפן צו ווערן.

### שפילנדיקע הענטלעך

די שפילנדיקע הענטלעך פון אַ קינד,
הימל און ערד וועבן זיי צוזאַם!
מיט מינדסטן פינגערל נאָך דריגירט עס,
זינגענדיקן געפּלאַפּל: „האַם־האַם״:

זויגנדיק צוויי גימענדלעך ביי דער ברוסט,
צאַרטסטער־אויפציטער־היילקסטע־רו!
אַז אויסבייסן ס׳זאָל זיך פון זיי ציינדלעך,
דו, מיינע פינגער צו צאַרט דערצו.

דו, נישט קיין שנאה, נישט קיין אייפערזוכט,
איך האָב דאָך דיך אַזוי ליב געהאַט!
נאָך איצט דער ציטער אין מיינע פינגער,
דייך בוזעם, אַטלעס־זיידן־צאַרטער־גלאַט.

### גאַנץ

אַז באמת איך האָב דיך ליב געהאַט,
און וואָר געוועזן צו דיר איז מיין געזאַנג,
ווי אַזוי בלויז ווינטשן צי גאָר וועלן,
אויסהאַלטן מיט מיר דו זאָלסט אַ לעבן לאַנג?

דערפילט האָסט דעם שפּיל פון מיינע גלידער,
אָבער פון מיינע לידער קיין איינציקס נישט!
מיך געזען רק אין ציטער פון מיין פרייד,
אָבער נישט ווען אַ טרער פון אויג אויסגעווישט.

דו, אַזוי גאַנץ ווי אין מיין פרייד איך בין,
נאָך אַ גאַנצערער פאַרוויקלט אין מיין לייד!
מיט לוסט איך שינד די הויט פון מיר אַראָפּ,
גלייך פונם גלוסטיקסטן גוף דאָס לעצטע קלייד.

אַן ענטבלויזטער אויפגעברויזטער אַזוי,
איינגאַנצן אַן אויפגעציטערטער אין צער — — —
דו, נאַקעט אַזוי איצט, דו זעסט מיך נישט,
אַז גאַנץ אַליין איך בין, אַ דאַנק גאָט דערפאַר.



דו, פרייד קאָן ווער העלפן אויסטראָגן וועם,
אָבער מיטן ווייִ מ׳מוז בלייבן גאַנץ אַליין!
אָ, ווען אויף חבל־לידה־בראָך־שטול, צער,
ליד פון אַלע גלידער אויפציטערט געוויין — — —

### „זאת.הפעם״

בראשית ב. כג.

אַז עס איז ביין פון אייגענעם געביין,
וואָס איז שמחה דעמלט און וואָס איז פיין?
ס׳איז דאָס אויפלאַכן פון ערשטן געוויין,
וואָס שניידט זיך אין דער אייביקייט אַריין.

געראַנגל „צו זיין אָדער נישט זיין״,
ברויזנדיקער „כ׳וועל״ פאַרשטיינערטער „מיין״,
ווי שטורמיקער ים, ווי פעלזיק געשטיין,
דורות זיך מיט גאָט־חלום אויפצוגיין.

„זאת הפעם״, דאָס מאָל, נאָך איינמאָל מער, מיין — — —
ווי שטויביק ס׳ווערט אַלץ, ווי פיטשעדיק קליין!
ווי ערגסטע חיה ס׳קאָן מענטש זיין געמיין,
צומאָל צום געביין פון אייגענעם ביין —
— — — — — — — — — —

### ווידמונג...

לעצטע ריפּ פון מיין לייב שוין פאַרשניטן,
ביזט דו פון אַ טייל פון מיין האַרץ געוואָרן;
אָפּרייסן פון מיר איצט קאָן זיך נאָר דאָס,
וואָס מען נעמט מיט זיך נישט מיט אינם ארון.

איז וויפל נאָך דו און וויפל נאָך איך,
און מיט וועם מיר זאָלן זיך נישט נאָך פאָרן,
אַ דאַנק פאַר דעם וואָס געוועזן איז, ווייל —
שנעלער ווי מען דענקט פאַרגייען די יאָרן.

איז וואָסזשע דיר ווינטשן מער נאָך ווי דאָס,
זיך ווידמענען־מערן מיט מ׳מעגן־מ׳טאָרן,
און מיר: אַז פאַר קומענדיקן דור,
די איינע „ווידמונג״ פאַר דיר נאָך אָפּשפּאָרן.

אַז מיר נישט קיין פאָר, פון אונז קיין דור,
זאָל דאָס כאָטש איבערבלייבן לזכרון — — —
דו וועסט דאָך נישט אייפערזיכטיק זיין, אויב
געבליבן מיר נאָך אַ פּאָר געשענקטע יאָרן.

## סתירית . . .

פרייטיק אויף דער נאַכט איז יעדערער ייד אַ מלך,
ערב־שבת די וועש טוט ער איבערטוישן;
די ריינע פריש געוואַשענע טוט ער טון אָנטון,
און די שמוציקע וואַרפט ער אין די וועש־קוישן.

און וואָס טוט דען אַ משומד, אלף הבדלות?
דאָס גין גאָלדענע רענדל טוט ער אָפּטוישן!
אָבער אַ מענטש, וואָס ליבט, תמיד בלייבט ער דער זעלבער,
דאָס ערגסטע אַפילו קאָן אים נישט ענטוישן.

אַז מאַן און ווייב גט זיך, ווײנט גאָט זיך אויס די אויגן;
אויב איינער פון זיי שטאַרבט, איז „אחרי מות קדושים”;
אָבער אַז צוויי געליבטע שיידן זיך, ברעכט מען נישט
קיין טעלער, קיין גלעזער, שאַ שטיל קיין גערוישן —

נישט פון גלאָז, נישט פון פאָרצעלאַן זייער הערצער,
זיי ברעכן זיך — שטראַלן אין קרישטאָלענע קלוישן!
ווער ווייסט, צי אַזעלכע שאַרבן צוזאַמדראָטעוון
מען קאָן מיטן הרי־אַפּ פון כדת משהן — —

אָ, נישט איין שאַרבן־טאָפּ געפלויגן אין קאָפּ אַריין,
אויסגעניכטערט אים פון זיין שכורן באַרוישן!
אָבער שערבעלע־האַרץ לייכט אַרויס פון מענטש,
ווי אַן אורים־ותומים־דימאַנט פון חושן.

## גאָט איז די ליבע און ס׳איז גאָט דער גערעכטער

גאָט איז די ליבע און ס׳גאָט דער גערעכטער,
אויב דער מענטש, להבדיל, וויל עס אויך ווערן,
מוז ער זיך ווי אַ פלאַמענדיקע הבדלה,
לעשן ווי אין ווײן אין וויינענדיקע טרערן.

געבענטשטע שבת־קודש־ליכט איז די ליבע,
ווייל איז דעם וואָס האָט ווען הייליק זיי צו צינדן!
פאַכנדיק זיי טריפן, פאַרכטענדיק זיי צאַנקען,
נישט אויסגעלאָשן פון ווילדסטע שטורעם ווינטן.

אַ שבתדיק געדעקטער טיש איז די ליבע,
אַ וואַכענדיקער דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן,
נאָר אויף גאָר ווייניקע בין־השמשות רגעס,
שוועבן ווייס־אויסגעשפרייט די קלאָרע געוועבן.



מיט ליכטיקן קוילעטש, קעניגלעך פאַרפלאָכטן,
טאַנצט מען אַנטקייגן דער שבת קודש כלה,
אָבער אויף ליידיקן מלוה־מלכה טיש ליגט —
פאַרשניטן אין דער מוצאי די גאַנצע חלה.

## געדאַנקען ווי ברענענדיקע שייטן

„וככוכבים בלילה”

איידער דיך צו לעצטער רו באַגלייטן,
בעסער מיך אויף אַ צווייטן פאַרבייטן;
דאָס האַרץ ווי צוויי פליגל אויסצושפרייטן,
אויפצוגיין אין רגע־אייביקייטן.

דערפילנדיק דאָס האַרץ פון אַ צווייטן —
קומט משיח אויף פייערדיק פערד צו רייטן!
פאַטאַמאַרגאַנאַס אין וויסטע ווייטן,
גייען אויף אייגענע פיטשעדיקייטן.

פרעג דאָך ביי אַלע אָרעמע לייטן,
וואָס „זרעינו”־„כספינו” באַדייטן?
טויזנט אַנטענעס דאָס וואָרט צעבייטן,
אונטערצוגיין אין תהום פון צייטן.

## וויגנליד

יענער וועלכער אין דיין חלום,
אויף אַ פערד קומט ווילד געריטן,
איז זיין האַרץ פון אַ געוואַלט־ריס,
ווי מיט מעסערס אויפגעשניטן.

ער האָט די וואָר ווי אין חלום,
אין זיין לעבן אויסגעמיטן,
ערגער נאָך ווי טויט דעם ערגסטן,
מוז ער האָבן טיף געליטן.

דו, מיין גאָלדנס, דו, מיין חלום,
אויף אַ צווייטן אים פאַרביטן,
צווישן צוויי בעטן און אַ וויגל,
כ׳זאָל דיך הוידען אין דער מיטן.

קומט ער, קינד מיינס, אין דיין חלום
וואָר אַצינד ווילד אָנגעריטן,
נאָר גאָט אַליין קאָן אונז ביידע,
באַשיצן נאָך און באַהיטן.

## עפּילאָג

אייביק איז די ליבע, ווי אייביק עס איז דער טויט,
נאָר שטאַרקער פון ביידע איז דאָס ביסעלע לעבן;
ווער ווייסט וואָס ס׳איז דער טויט, און ווער ווייסט ווען ליב ער האָט?
ווי דער טויטער דער פאַרליבטער קאָן אַלץ פאַרגעבן.

הייליק איז די ליבע, ווי הייליק עס איז דער טויט,
נאָר גרויזאַמער פון ביידע דאָס ביסעלע לעבן!
אַליין בלויז דעם פאַרליבטן, אין זיין לעצט באַגלייטן,
ברויך מען נישט צו בעטן צומאָל, ער זאָל פאַרגעבן.

## משה ווילענסקי

# ישראל און די אומות העולם

אונזער געשיכטע איז אַנדערש פון די געשיכטעס פון אַלע פעלקער. זייער געשיכטע הויבט זיך אָן מיט רויבעריי, מערדעריי, פאַרגרעסערן זייער מאַכט, איינשלינגען דעם שוואַכערן, פאַרבעסערן זייער מאַטעריעלן לעבן, דורך געוועלטיקן און דעספּאָטיזם און פאַרשקלאַפן אַנדערע, און אויך ביי זיי אַליין הערשן קלאַסן, עבדים און אדונים. אונזער געשיכטע הויבט זיך אָן מיט באַפרייאונג פון שקלאַפעריי, כדי צו שאַרפן אונזער גייסטיקן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין. זי הויבט זיך אָן מיט אַ תורה, און איר מלחמה מיט דער וועלט איז נישט צו געוועלטיקן, נאָר צושטערן אונזערע געגנער און פיינט, און צו שטאַרקן זיך מיט אַ גרויסן אידעאַל, צו ווערן אַ גייסטיק פאָלק, אַ „ממלכת כהנים“.

ישראל און די אומות העולם שפּילן ראָלעס אין אַ גרויסער היסטאָרישער וועלט דראַמע — עס הויבט זיך אָן מיט מצרים וועלכע האָט פאַרשקלאַפט קערפּערלעך און גייסטיק, אוןמיר האָבן זיך באַפרייט פון זיי כדי מיר זאָלן קענען אויספירן אונזער אידעאַל צו זיין אַ פריי מאָראַליש פאָלק. און ווען מיר האָבן מנצח געווען דערציילן מיר נישט און זינגען נישט שבחים צו אונזערע גבורים. מיר ווייסן אפילו נישט זייערע נעמען. אונזער געשיכטע הויבט זיך אָן מיט אַ לויב געזאַנג צו גאָט, „אשירה לד׳ כי גאה גאה“. איך וועל זינגען צו גאָט דען ער איז גרויס דערהויכט. זי זעצט פאָר מיט דעם ווילדן אויפרוף פון אַ נאָכיאָגענדען בלוטדורשטיקן שונא: „דער פיינט האָט געזאָגט, איך וועל נאָכיאָגן, איך וועל דערגרייכן, איך וועל טיילן דעם רויב, מיין זעל זאָל דערפילט ווערן פון זיי, איך וועל ציען מיין שווערד, מיין האַנט וועט זיי פאַרטיליקן“, און ענדיקט מיט אַ געזאַנג צוגאָט וואָס לעבט אייביק און אייביק רעגירט. „ה׳ ימלך לעולם ועד“.

אונזער געשיכטע איז די שטאַרקסטע דראַמע וואָס איז ווען עס איז געשריבן געוואָרן. די סצענע, די געשפּרעכן מיט זיך און מיט די געגנער זיינען די רירענדסטע. אַ פאָלק באַגאָסן מיט שטראַליקן גלאַנץ, פון אַ כבודיקער פאַרגאַנגענהייט, געקרוינט מיט אַ מאַרטירער קרוין פון טויזנטער יאָרן, מיט באַוווסטזיין אַז ער איז דער טרעגער פון די גרעסטע אידעע פון דער וועלטגעשיכטע, און קעמפט אָן כלי־זיין געגן אַ באַוואָפנטע וועלט, אַ וועלט פול מיט קנאה און שנאה און כל־רע, פול מיט שקר, רמאות און נקמה. אַ מלחמה פאַר ליבע, אמת, צדק און פרייהייט. טויזנטער מאָל ווערט ער געוואָרפן צו דער ערד, דערהויבט זיך אויפסניי פול מיט פרישן מוט און יונגען כוח, ביז דער נצחון איז אויף ישראל׳ס זייט.

פרעגט נישט ווו זיינען די פלעצער וואָס דאָרטן זיינען אויפגעפירט געוואָרן די וועלט היסטאָרישע דראַמע: ווו ניט? אין אַלע לענדער, אין אַלע וועלט טיילן — עס איז נישטאָ קיין שטאָט וואָס דאָרטן זיינען סצענעס פון דער מוראדיקער דראַמע נישט פאָרגעקומען, אויף די ימים און טייכן, שיפן מיט פאַרטריבענע וויינענדיקע טאַטעס און מאַמעס און קינדער, שולן מיט האַרצ־



רייסנדע תפלות, בתי מדרשים. משכילים און דענקער, משוררים וועלכע פאַרפאַסן קלאָג־לידער אָדער לויב־געזאַנגען, געלערטע וועלכע זאַמלען האָניג ווי די בינען, דאָס אַלעס וועט איר געפינען אין דער דראַמע. ווילט איר ווייסן ווען, ווען ניט? האָט איר פאַרגעסן דייטשלאַנד און היטלער, מיט די גאַנצע וועלט צוקוקערס. אַנדערע האָבן געשעפּט נחת פון די סצענע, און אַנדערע האָבן געגעבן אַ קרעכץ, אָבער ישראל האָט זיך אויפגעהויבן און ער האָט זיך נייעם מוט געשאַפן און האָט זיך דערמאָנט די פאַרגאַנגענע טעג, און מיט סבלנות, פעסטקייט, אמונה און אמת און מסירת נפש און האַלט זיך ביי זייניגע און קעמפט ווייטער. באַלד ווערט ער זיך, און פאַרטיידיקט זיך געגן די אָנגריפן און באַשולדיקונגען פון זיינע פיינט און דריקער, און באַלד ברייטערט ער זיך אויס זיין ברוסט און אין אַ קלינגענדיקן קול זינגט ער אַ ליד פון אַ רייכע האָפנונג און פון אַ גרויסן עתיד, וואָס אים דערוואַרט באחרית הימים.

ישראל דער העלד האָט מנצח געווען ווייטער. ער איז געוואָרן אַ נאַציאָן אין די ערטער פון זיין יוגנט. ער איז צוריק אין זיין אַלטער היים. אָבער דאָרטן גופא איז נאָך זיין קאַמף נישט געענדיקט. ער איז אַרומגערינגלט פון פרעמדע, וועלכע דערצערנען אים, שטויסן און שלאָגן און פאַרוואונדן אים און פאַרשמוצן אים. „הסוני פצעוני נשאו רדידי מעלי“.

ישראל רופט אויס צום פעלקער־בונד: איך בין נישט אַ קנעכט, נאָך אין מיין יוגנט, קינדהייט, אין מיין וויגעלע, ביי די גרעניצן פון אַזיע און אַפריקע האָב איך שוין געזונגען פרייהייטס לידער און אויך אין דעם שווערן גלות. יעדן יאָר ווען עס קומט דער מאָנאַטפון פרילינג, דער אָנזאָגער פון פרייהייט, וועלכער מאַכט פּלאַצן די קייטן פון ווינטער, האַלט ער אָפּ דעם יום פון פרייהייט און זינגט צו גאָט זיין דערלייזער די פרייהייטס לידער.

איר פעלקער קומט אַריין אין מיין לאַנד און זעט, נאָר אָט וואָס איך האָב זיך באַפרייט, די ערשטע זאַך וואָס איך בוי איז שולן און בתי מדרשים צו לערנען תורה, „הביאני המלך חדריו, אלי חדרי תורה“. און וואָס לערנט אונז אונזער תורה? חסד וצדק, טויזנטער יאָרן זיינען פאַריבער, פיל מדינות זיינען צעגרינדעט און חרוב געוואָרן, אַ סך בונדען און אָפּמאַכן זיינען געשאַפן, צעבראָכן אָדער איבערגעאַנדערש געוואָרן, מיינע אַלטע משפטים פון מיין תורה דאַרפן נישט קיין אָפּשטימונג, קיין תיקונים, קיינע שינויים ניט, קיינע נייע מחוקקים. די יסודות פון תורת ישראל זיינען צדק ומשפט, זיי בלייבן אייביק. „משפטי ה׳ אמת צדקו יחדיו“.

פעלקער, איך פאַרדין פון אייך מער כבוד. איך האָב אַ מחנה פון נביאים, שרי חיל, רעדנער, דיכטער און חכמים אין מיין געשיכטע. געדענקט די צוויי ברידער משה ואהרן, כתר מלכות און כתר כהונה, ווי זיי האָבן משפיע געווען אויף אונזער פאָלק צוזאַמען מיט ליבע איינער צום אַנדערן, שטאַאט און רעליגיע זיינען ביי אונז געווען ווי אַ צווילינג, „תאומי צביה“. איז דאָס ביי אייך אויך אַזוי, איז נישט ביי שטאַאט און קירכע אַ שטענדיקע מלחמה. לערנט אונזערע נביאים, העלדן פון גייסט און וואָרט, וואָס האָבן מלחמה געהאַלטן פאַר

אמת וצדק, און זייער כאַראַקטער איז געווען אייזן שטאַרק, אין דער זעלבער צייט ווייבלעך צאַרט. זעט די לאַנגע רייע פון רבנים, דיכטער, וועלכע בלאָזן אַריין אַ רוח חיים אין אונזערע שפּראַכן, ווי זיי שילדערן די ביטערסטע שמערצן און העכסטע פרייד. זיי קלאָגן און יאָמערן איבער שווערע ליידן און טיפן צער און טרייסטן און באַרואיקן און ביזן הימל הויבן זיי דעם גלויבן און תקוה.

ישראל זאָגט צו די פעלקער: איך פאַרדין נישט אייער שפּאָט און חוזק! גיט נאָר אַ טראַכט וועגן מיין אמונה אין גאָט, וועגן ווילִיקייט מקריב צו זיין מיין נפש פאַר מיין דת. וואָס פאַר אַ יסורים און עינויים איך בין אויסגעשטאַנען פאַר מיינע פּרינציפּן. נישט קיין שטראָמען וואַסער און נישט קיין פלאַמען פייער זיינען אימשטאַנד מיך צו דערווייטערן פון מיין גלויבן. „ונהרות לא ישטפוה, ואפילו הורגין ואפילו מטביעין במים, ואפילו שורפין באש אין שומעין להם לכפור ביוצרם”.

די פעלקער אין דער וועלט דראַמע זאָגן צו ישראל: דו באַרימסט זיך אַז דו ביזט די אויסגעקליבענע פון אַלע פעלקער, דו זאָגסט „אתה בחרתנו”, אָבער דאָס איז אַלץ געווען אַמאָל. איצטער זיינען די אַלטע יסודות פון דיין אמונה דאָך שוין לאַנג צוטרייסלט געוואָרן. ניין, זאָגט ישראל, אמת איך פאַרמאָג נישט וואָס איך האָב געהאַט אַמאָל. איך האָב נישט אַ בית המקדש פאַר דעם כלל ישראל אין אונזער הויפּט שטאָט ירושלים. אָבער בוי איך נישט טויזנטער בתי מדרש מעט אויף דעם גאַנצן ערד־קוגל וביחוד אין ארץ ישראל? „אני ישנה מבית המקדש — ולבי ער בבתי כנסיות”.

די אומות באַשולדיקן ישראל: דו ביזט געפערלעך, דו ווילסט הערשן, שטרעבסט צו דעם דורך געלט און גייסט, דורך געשיקטקייט און פלייסיקייט, דורך וואָרט און שריפט. דו ווילסט ווערן דער האַר פון דער וועלט דורך דיינע גרויסע כשרונות. מיר קענען דיך נישט לאָזן פריי, דער אינסטינקט פון זעלבסט פאַרטיידיקונג צווינגט אונז דיך צו באַשרענקן און אונטערדריקן.

ניין, זאָגט ישראל צו די אומות העולם, איך מיין נישט מלחמה, מיין נאָמען איז שולמית, פרידליכע. מיר ווילן לעבן מיט יעדן בשלום. די ברכה פון גאָט צו אונז ענדיקט זיך מיט שלום, השולמית אומה שמסימין לה שלום בכל יום שנאמר וישם לך שלום. ווסטו ווי מיר רופן גאָט, דער מלך פון שלום, „שלמה למי שהשלום שלו”. און ווען אונזער גאַנצע גאולה וועט קומען, דאַן וועלן מקוים ווערן די ווערטער פון די נבואה ונחה עליו רוח חכמה ובינה רוח עצה וגבורה רוח דעת ויראת ה׳ און אין אונזערע גאַרטלען וועט נישט זיין קיין שווערד צו מאָרדן. צדק אזור מתניו והאמונה אזור חליו. און אויף אים וועט רוען דער רוח פון גאָט, דער גייסט פון חכמה און פאַרשטאַנד, דער גייסט פון עצה און שטאַר־קייט, דער גייסט פון וויסנשאַפט. גערעכטיקייט וועט זיין דער גאַרטל פון זיינע לענדן. יאָ איך האָב געזיגט, און איך וועל בלייבן דער זיגער אין דער וועלט געשיכטע, איך האַלט אין מיין רעכטער האַנט מיין פאָן וועלכע איך האָב טויזנ־טער יאָרן געטראָגן דורך פייער און וואַסער, אויף מיין פאָן איז אויסגעקריצט מיט אותיות פון פייער „ה׳ נסי”.



י. א. ליסקי

# דעם ליטעראַטור נאָבעל פּרייז־טרעגער סיר ווינסטאָן טשאַרטשיל

(נאָך אַ וואָרט צו זיין 80־סטן געבוירן־יאָר)

וואָס מער מ׳טראַכט זיך אַריין אין דער פּערזענלעכקייט פון אַ מענטשן און אין דער גרויסקייט זיינער — אין די מעשים זיינע, וואָס דערפירן אים דערצו — מעשים וואָס דערפירן, אַז פלוני בן פלוני זאָל ווערן אַ גרויסער מענטש, אַ גרויסער צדיק, אַ גרויסער קינסטלער, אַ גרויסער וויסנשאַפטלער, אַ גרויסער גבור, אַ גרויסער חכם, אַ גרויסער שטאַאַטסמאַן — טאַקע, וואָס פאַר אַ באַזונדערן זכות דערלאַנגט דאָס אַ פּשוטער בשר ודם, אַז ער זאָל קענען דערגרייכן צו אַפּסאָלוטער גרויסקייט; צו אַ גרויסקייט אָן וועלכער מ׳קאָן זיך ממש נישט באַגיין — אַ גרויסקייט וואָס ווערט דערשפּירט, דער־פילט פון מיליאָנען מענטשן, מיליאָנען און מיליאָנען מענטשן, ווו ערגעץ זיי זאָלן זיך ניט געפינען; אַ גרויסקייט וואָס מוז האָבן אין זיך די סובסטאַנץ און דעם גערוך פון אַ קעניגן פון די בינען, וועלכע און מיט וועלכער זי ציט צו אַ גאַנצן שאַר, אַ ריזיקן שוואַרם, און האַלט זיי אַרום זיך אין איר לעבע־דיקער וועלט — אָטדי דאָזיקע קראַפט — די דאָזיקע גרויסקייט באַשטייט אין דער סובסטאַנץ פון אַ טיפן גלויבן אין זיך — און סיר ווינסטאָן טשאַרטשיל, איז די אויסגעשפּראָכנסטע פּערזענלעכקייט פון אונזער צייט, וועלכער קען דינען ווי אַ מוסטער פון אַ מענטשן, וואָס האָט דערגרייכט עפנטלעכע אַנער־קענונג ניט בלויז פון מיליטער־לייט, עלטסטע און פירשטן; ניט בלויז זיי האָבן געפּראַוועט דעם יום־טוב פון טשאַרטשילס 80־סטן געבוירן־יאָר — און אויך ניט בלויז בעאַמטע, לערער און גלחים; פּראָפעסאָרן, קינסטלער און לאָרדן; ספּאָרטסלייט, סוחרים און מעקלער זענען דאָס געווען — די אַנער־קענונג האָט סיר ווינסטאָן טשאַרטשיל געקריגן אַחוץ פון דער גאַנצער ענג־לישער קולטור־וועלט — און זי איז אַ זער גרויסע קולטור־וועלט — נאָר אויך די אינטערנאַציאָנאַלע קולטור וועלט, האָט אים געגעבן די אַנערקענונג, דעם „נאָבל־פּרייז”; דערפאַר האָט ער דאָס אַלעס באַקומען, ווייל אין די מעשים וואָס ער האָט געטאָן איז געווען אַ גרויסער כוח פון אַ מענטשן; דער סאַמע מענטשלעך טיפסטער גלויבן אין זיך; אַ גלויבן אין די אייגענע כוחות, וואָס טוען אַ זעץ אין האַרץ, ווען מ׳דערפילט אָנקומען אַ גרויסע געפאַר . . . „גיט מיר די מכשירים און איך וועל ענדיקן די אַרבעט”, האָט טשאַרטשיל געזאָגט, ווען דאָס ענגלישע פאָלק, און מיט אים די גאַנצע וועלט, ווען מ׳איז געשטעלט געוואָרן פאַרן גרעסטן נסיון, וואָס די געשיכטע פאַרצייכנט.

אויף דעם דאָזיקן טיפן גלויבן אין זיך, אין זיין אייגענער פּערזענלעכ־קייט האָט טשאַרטשיל געאַרבעט פון זיין פריסטער יוגנט אָן, ביז דער טיפּ־סטער עלטער, ווען ער האָט פאַרענדיקט דאָס פופטע בוך פון זיין „געשיכטע פונם קריג” און צוואַנציקסטער באַנד, אַן אויטאָ־פּאָרטרעט צונויפגעשטעלט אויפן סמך פון דעם וואָס ער האָט גערעדט און געשריבן.

זיינע ביאָגראַפער דערציילן גענוי און אויספירלעך וועגן זיין כאַראַקטער און געוואַגטקייט, וועגן זיינע דערגרייכונגען און זיינע קריזיסן — וואָס פאַר אַן אינערלעכע גרויסקייט, טיפער גלויבן, און טיפע איבערצייגונג אין דעם וואָס מ׳טוט — איז געווען אין יענעם מאָמענט ווען טשאַרטשיל האָט געמאַכט די באַרימטע דערקלערונג צו סטאַלינען (אויך אַ מענטש מיט אַ גרויסן גלויבן אין זיך) אַז ער באַט אים אָן די גאַנצע מאַכט און קראַפט פון דער בריטישער עמפּייער, צו שלאָגן דעם שונא פון דער גאַנצער מענטשהייט, און אַז ער האָפט דערצו צו קריגן די צושטימונג פונם ענגלישן קעניג — פאַר אַזאַ גרויסן כוח, פאַר אַזאַ מוט, קליינע טיילעכלעך פון דער אינערלעכער גבורה, פאַר דעם טיפן גלויבן אין זיך, אין דער אייגענער פּערזענלעכקייט, צאָלט די וועלט מיט כבוד און מיט אַנערקענונג — דאָס פאָלק האָט געגלויבט, אַז טשאַרטשיל וועט זיי אַרויספירן פון דער גרויסער געפאַר וואָס האָט אויף זיי געלויערט. ס׳איז גענוג געווען צו זען די מינע אויף די פּנימער פונם פּשוטן ענגלישן פאָלקס־מענטש בשעת ער האָט גענומען אין דער האַנט אַריין אַ צייטונג און דערזען אַז מ׳האָט געזונקן די, אָדער יענע גרויסע שיף; ס׳איז געווען די שטילע און פאַרביסענע מינע, ווען מ׳טוט אַ צי אַן אָדער אין קערפּער, און מ׳דערשטיקט אין זיך די ווייטיק — ער האָט געפילט און געגלויבט, אַז טשאַרטשיל וועט אים ראַטעווען — דאָס זעלבע האָט אויך געפילט דער ניט־ענגלישער מענטש, וועלכער האָט זיין גלויבן אָנגעהאַנגען אין טשאַרטשיל׳ן. ס׳איז דורכגעלאָפן אַ בליץ דורכן מוח ווען מ׳האָט געהערט ווי טשאַרטשיל האָט זיין געגנער, דעם גרויסן מערדער, וועלכער האָט מיט באַצווינגענע געזעצלעכע רעכט אונטערגעשריבן אַ טויט אורטייל יעדן מענטש, וועלכן ער האָט דורך זיינע מערדער־יונגען אַריינגעכאַפּט אין זיינע הענט אַריין, אין זיינע תּפיסות, אין זיינע מאָרד־יאַטקעס און גאַז־קאַמערן, און אים דאָרט אומגעבראַכט; אומגעבראַכט אויף דעם מיאוסטן און שענדלעכסטן אופן: מענער, פרויען און קינדער, זיי געמאָרדעט און דערמאָרדעט, געשענדעט און געפּלינדערט, באַרויבט און באַגזלט, און געמאַכט געלט פון זייערע הויטן, האָר, ציינער און ביינער — אָט דעם מערדער אין דער געשטאַלט פון אַ שטאַאַטס־מאַן, האָט טשאַרטשיל אָנגערופן: „דו רינשטאַק־אויסוווּרף" איך וועל זיך מיט דיר אָפּרעכענען — די שנאה וואָס האָט אויפגעקאָכט אין טשאַרטשילס אינגעוויד איז געווען דער הויך־פּונקט פון דעם גלויבן אין זיך און אין זיין מיסיע, און אין זיין שליחות, וואָס ער האָט געהאַט צו דערפילן . . .

**מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנאַמענט אָפּצאָל.** דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַרבעט.

מען האַלט איצט ביי דעצעמבער, דעם לעצטן חודש פונם יאָר, בעטן מיר אָפּצעוויקלען די חובות.



א. מ. קייזער

## הארענדארפס „טעאטער-קאראוואנען"*

### כמו אַ רעצענזיע

זיי זענען, דאַכט זיך, אייגענע מענטשן, „עמך", און דאָך — פאַרענדערט; זיי האָבן זיך זייערע אייגענע געגנג, תנועות, מנהגים און רגילותן. אַ פאָלק פאַר זיך, אַן אומה בפני עצמה.

זיי האָבן ליב זיך אָנצוטון שרייעריש, פּילפּאַרביק, אַז „ס׳זאָל רעדן ווערטער"; מיט אַ צילענדער אָדער אַ ממזריש קאַפּעלושל, אַ גרויסאַרטיקע שניפּס, און מיט אַ בלישטשענדיקע קייט איבער דער ברייט פונם וועסטל, פון וועלכער עס זאָל אַראָפּבאַמבלען אַ שווערער מאַסיווער מעדאַליאָן.

יעטוועדער פון זיי האַלט זיך פאַר אַ שטערן פון הימל און וואָלט וועלן אַז מען זאָל אים טאַקע אַזוי רופן. און נישט סתם „שטערן", נאָר מיט אַן „הענטל", דהיינו: „גרויסער שטערן", „באַרימטער שטערן", „לויכטענדיקער שטערן". זיי האָבן אויך ליב צו זען זייערע נעמען אָפּגעדרוקט אין די גרעסטע שריפט. (האָבן אַ שוואַכקייט אַזאַס צו קידוש־לבנהדיקע אותיות) און זענען אויך פאַרליבט אין זייערע אייגענע פּאָרטרעטן, וואָס זיי וואָלטן וועלן זען אויף אַלע ווענט אין אַלע גאַסן.

היינט זייער לשון. דאַכט זיך, ס׳איז יידיש און דאָך קלינגט עס ווי אַ מין פידריך־שפּראַך.

אַ מיידל הייסט ביי זיי אַ „שעכטל" אָדער אַ „טשיזשע". אַ ווייבל איז אַ „דאילעווקע" אָדער אַ „יאָלדעווקע" און דער מאַן פון דער „יאָלדעווקע" איז אַ „יאָלד". אַ שיינע איז אַ „קליווע". אויגן זענען „מאַטרעס". אַ רב איז אַ „לאַפּ" און די רביצין — אַ „לאַפּעכע".

איר קאָנט צווישן זיי הערן אַזאַ מין געשפּרעך:

— ווער איז די קליווע טשיזשע, וואָס מאַטרעט מיט די מאַטרעס?

— ס׳איז נישט קיין טשיזשע, נאָר אַ יאָלדעווקע; זי איז דעם לאַפּס שנור. איר יאָלד איז אַ סאַלעפּ!

אויף אונדזער לשון הייסט עס:

— ווער איז דאָס שיינע מיידל, וואָס שווישטשעט מיט די אויגן?

— ס׳איז נישט קיין מיידל, נאָר אַ ווייבל; זי איז דעם רבס שנור, און דער מאַן אירער איז אַ ויזתא!

בקיצור: צו וואָס אייך ציען ביי דער נשמה? דאָס דאָזיקע פאָלק איז נישט קיין אַנדערס ווי אונדזער אַקטיאָרן־געזינדל, זאָל געזונט און שטאַרק זיין.

אונדזער געניאַלער שלום־עליכם איז, דאַכט זיך, געווען דער ערשטער אין דער יידישער ליטעראַטור, וועלכער האָט אַריינגעקוקט אין זייער טשיקאַווען לעבן, און אונדז מזכה געווען מיט „די בלאָנדזשענדע שטערן" און „סטעמפּעניו". דער לעצטער איז בעצם נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר, נאָר אַ קלעזמער, דאָך — אַ שני־בשני מיטן יידישן אַקטיאָר.

שלום־עליכם איז נישט געווען קיין תּושב פון זייערע געצעלטן. ער האָט זיי בלויז געקאָנט פון די מחזיקותן, וואָס ער האָט געהאַט מיט זייערע „דירעקטאָרן" אין שייכות מיט זיינע בינע־ווערק. אים איז, פאַרשטייט זיך, געקומען צו הילף די רייכע קינסטלערישע פאַנטאַזיע זיינע.

איצט, אַז מיר לייענען האַרענדאָרפס „טעאַטער־קאַראַוואַנען", זען מיר, אַז שלום־עליכמס פאַנטאַזיע איז גאָרנישט געווען אַזוי ווייט פון דער ווירקלעכקייט. זיין ליכט־שפּיגעלע איז נישט געווען פאַרשאָטנט.

און, ווען שלום־עליכם וואָלט נאָך דערמלט פאַר זיך געהאַט אַזאַ מין „טעאַטער־קאַראַוואַנען", מאַמעלעך! וואָסאַראַ פּאַטראַוועס ער וואָלט דערפון געמאַכט! ווייל דאָס דאַזיקע ווערק פאַרמאָגט אַן אוצר פון טעמעס, קאָמישע און טראַגי־קאָמישע, וואָס וואַרטן אויפן גרויסן שלום־עליכמדיקן קינסטלער.

* * *

ש. י. האַרענדאָרף איז שוין מכּמה יאָרן אַ פּען־מענטש; אַ זשורנאַליסט, וואָס באַדינט די יידישע פּרעסע מיט זיינע ידיעות און אינטערעסאַנטע קאָרעספּאָנדענציעס. ער האָט אַפילו דאָ ביי אונדז אָנגעשריבן אַ גאַנץ געלונגענע קאָמעדיע — „דער יידישער קעניג לאַמפּעדוסע" — אָבער מיר האָבן נישט געוווסט, אַז ער איז אַמאָל געווען קנעפּל־בקנעפּל מיט די בלאָנדזשענדיקע שטערן, זיך אַרומגעשלעפּט אין איין קאַראַוואַן, געשלאָפן אויף איין טאַפּטשאַן, געהונגערט בחבֿרותא, און, אַז גאָט געהאָלפן ס׳איז געווען אַ „סבֿאר" — געטרונקען שאַמפּאַניער פון איין גלעזל. פּשוט געווען איינער פון זיי.

גאַנצענע צען יאָר — פון 1921 ביז 1931 — האָט ער זיך אַרומטעלעבענדעט מיט זייער בויד איבער די יידישע ישובֿים פון עסטרייך, אונגאַרן, גע־טשעכאָסלאָוואַקיי, רומעניע און יוגאָסלאַוויע. ער איז געלעגן אין קאַסטן, געווען הייסט עס אַ סופלייאָר, אַן אימפּרעסאַריאָ, אַ שותּף, און האָט אַפילו אַמאָל בשעת־הדחק אַליין געמאַכט די „קינץ"; איז אויפגעטראָטן אין אַ קליינע עפּיזאָדן־ראָלע, וואָס ער האָט, ווי ער זאָגט אַליין, „געקוילעט אָן אַ מעסער".

און אַלס פּועל־יוצא פון אָט דער צען יעריקער נע־ווּנדקייט, איז איצט געבוירן געוואָרן זיינע „טעאַטער־קאַראַוואַנען" — אַ ווערק פון 232 זייטן, אָנגעפּיקעוועט מיט כּל־ערליי טשיקאַווע מעשהלעך און עפּיזאָדן, מעשׂהיהס, לעבעדיקע, אַליין דורכגעלעבטע פאַקטן. איר האָט פאַר זיך אַ פּיקאַנטע סעריע פון טעאַטער־געשטאַלטן, פּנימער און פּנימלעך פיין געשניצטע. אַ ברייטע קאַנווע פון מערקווירדיקע טיפּן, נישט בלויז פון טעאַטער גופא, נאָר אויך אַרום טעאַטער. איר זעט די מיליע, די יידישע סבֿיבֿה, די חצינטעטלעך, די נישטיקע דערפלעך מיט די יידישע פּויערים, וואָס האָבן געצאַפּלט נאָך אַ שטיקל יידיש טעאַטער. איר באַקאָנט אייך מיט זייערע גבאָים, פּרנסים, רבנים, רביים, חסידים, און להבדיל די גלחים, וואָס עוסקן זיך ביים יידישן טעאַטער. דער טעאַטער־קאַראַוואַן איז קענטיק אַריינגעפּאַרן אין סאַמע מאַרק פונעם דאָרטיקן יידישן שטייגער־לעבן.

האַרענדאָרף האָט פיקסירט דאָס אַקטיאָריש־קלעזמערישע לשון, וואָס האָט געהערשט אין זיין בויד. ער האָט עס אין סוף בוך פאַרטייטשט אין אַ באַזונדערן גלאָסאַר. פאַרגלייכנדיק זיין רעגיסטער מיט די רשימות פון שלום־עליכמן, נח פּרילוּצקין און יהודה עלזעטן, געפין איך אַז האַרענדאָרף האָט געגעבן אַ חשובֿן ביישטייער צום אויספאָרש פון אונזער טעאַטער־לשון.

און אַ וואָרט וועגן דער שרייבערישער טעכניק פון בוך. האַרענדאָרף קאָן די מלאכה. ער פּטרט נישט קיין סך טינט כּדי צוצוקומען צום קלימאַקס. זיינע מעשהלעך זענען פּיקאַנט, חנעוודיק, און זיין יידיש איז געשמאַק, פאָלקסטימלעך. איר טרעפט ביי אים אַזעלכע באַטעמטע ווערטער, ווי געגשמט, געמקלט, פאַרסליחהנט, באַנחתט, און פאָלקלאָריסטישע רעדנסאַרטן, וואָס מיר האָבן שוין לאַנג נישט געהערט, ווי „קייען די סלינע", „אין אַ וויסטן מעמד", „ווייסט נישט ווו גאָט וווינט", „די בראָך איז פאַרטיק", און אַזוי ווייטער.

דר. אהרן שטיינבערג, אין זיין גאַנץ אינטערעסאַנטע הקדמה צום בוך, זאָגט מיט רעכט, אַז „ האַרענדאָרף איז אויך אַן עדות, אויף וועמען מען וועט זיך קאָנען גוט פאַרלאָזן ווען עס וועט קומען צום שרייבן אַ פולע געשיכטע פון יידישע טעאַטער אין לעצטן דור".

אמת. האַרענדאָרפס „טעאַטער־קאַראַוואַנען" זענען די אָנגעוואָרפענע ציגל פאַרן קומענדיקן היסטאָרישן בוי־מייסטער.

און דערפאַר:

אַ גרויסן „שקויאַך" אייך, חבֿר האַרענדאָרף, פאַר אייער נחתדיק ווערק.

*ש. י. האַרענדאַרף. „טעאַטער־קאַראַוואַנען". מעשהלעך און עפּיזאָדן פון מיינע וואַנדערונגען מיט יידיש טעאַטער. הקדמה פון ד״ר אהרן שטיינבערג. פאַרלאַג „פּריינט פון יידיש לשון". לאָנדאָן, תשט״ו, 1955. פאָטאָגראַפיעס. הילע געצייכנט פון מ. סאָכאַטשעווסקי. סאָכאַטשעווסקי.

---

## מ. מינדעל

### י. א. ליסקי — א פּערשפּעקטיקטע רעצענזיע*

ווי געוויינלעך, שרייבט מען רעצענזיעס ווען עס דערשיינט אַ נייער בוך, אָדער ווען מען מאַכט אַן אָונט פאַר אַ שרייבער. שרייבן אַן אָפּהאַנדלונג איבער אַ שרייבער אין אַ „מיטן מיטוואָך" איז ניט קיין פּאַסיקע צייט; אָבער איך וויל זיין אַן אויסנאַם און שרייבן אַ קורצע אָפּהאַנדלונג איבער י.א. ליסקי׳ס שאַפונגען אַזוי צופעליק.

מיר איז דאָס געקומען אויפן געדאַנק ווען איך האָב גענומען קאַטאַלאָגירן די ביבליאָטעק פון אַרבעטער רינג, און בלעטערנדיק די נעמען פון אונזערע יידישע שרייבער פון דער גאָרער וועלט און אונזערע לאָנדאָנער שרייבער, איז מיר איינגעפאַלן צו פאַרצייכענען ליסקי׳ס שריפטן, האַלטנדיק עס פאַר מיין חובֿ צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער.

י. א. ליסקי לעבט אין לאָנדאָן אַ לענגערע צייט און האָט אַרויסגעגעבן אייניקע שריפטן. איך וויל זיך אָפּשטעלן אויף דעם באַנד „פּראָדוקטיוויזאַציע", וועלכער איז אַ זאַמלונג פון אייניקע אַרבעטן פון אַמאָל, פון דער היים, און פון לאָנדאָן. זיינע קורצע דערציילונגען, „צווישן צוויי פראָנטן", „אין דער

בהלה", „דער האָן", „געװנדז", „אַ גינע אַ טאָג" און אַנדערע, זײַנען קינסטלעריש געשילדערט.

איבערהויפּט האָט מיך שטאַרק פֿאַראינטערעסירט די שילדערונג פֿון דעם טיפּ פֿון דעם פּויער מיט זײַן װײַב אין „דער האָן". איר זעט דאָ פֿאַר זיך אַ שילדערונג פֿון דעם לעבן פֿון דאָרפֿסמענטשן, װאָס פֿאַר דעם ייִדישן לייענער, װעלכער האָט געלעבט אין די אַמאָליקע שטעטלעך, אָדער דערפֿער און האָט אַליין געזען דעם מאַרק מיט די גויים — פֿאַר אים לעבן אויף די דערינערונגען פֿון יענער עפּאָכע. פֿאַר די, װאָס לייענען איבערזעצונגען פֿון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור, איז דאָס אפֿשר ניט קיין נײַעס.

אין דער רוסישער ליטעראַטור זײַנען פֿאַראַן אָן אַ שיעור שילדערונגען פֿון פּויערישן לעבן, װי בײַ טשעכאָװ, גאָרקין, קופּרין, א.א.װ. און הונדערטער אַנדערע. אָבער בײַ אונדז אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז פֿאַראַן װייניק. מיר געפֿינען בײַ װאָסנבערגן, פּרץ הירשביינען, מאַסטבוימען אייניקע כאַראַקטערן פֿון ייִדישן דאָרפֿסמענטש און זײַן סבֿיבֿה, מיט דער אַרומיקער װעלט. ליסקי האָט אונדז געגעבן אייניקע בילדער, װעלכע מ׳קען אָנרופֿן קלאַסישע, װײַל דאָס זענען ניט קיין דערציילונגען פֿון אַן עפּיזאָד; דאָס איז אַ שטיק לעבן, װאָס ענדערט זיך ניט אַזוי גיך . . . עס איז נאָר אַ שאָד װאָס ער שרײַבט אַזוי װייניק.

אָבער מיר װייסן, אַז אין דער געשיכטע פֿון שרײַבער גייען אַרײַן צװישן די גרעסטע שרײַבער פֿון אַן עפּאָכע, אַפֿילו אַזעלכע, װעלכע שרײַבן אָן זייער װייניק. ליסקי שילדערט ס׳לעבן פֿון אונדזער װײַטשעפּל קורץ, אָבער ער רירט אָן די סטרונעס פֿון דער אָנגעװייטיקסטער פּראַגע — פֿונם שטודירן פֿון אונדזערע קינדער; און ער האָט דעם ענטפֿער: אַז אַ דאָקטאָר איז אויך אַן אַרבעטער! און מיט דעם לייזט ער דאָס פּראָבלעם.

אין זײַן שילדערונג „צװישן צװיי פּראָנטן", װו דער קאָזאַק גיט דאָס לעבל ברויט צו די צװיי קראַנקע ייִדן, — דאָס איז אַ טאָלסטאָי־געדאַנק. אַז אַ קאָזאַק זאָל זײַן אַזוי הומאַניטאַר, דאָס איז אַ גרויסער פּראַגע־צייכן. עס קען זיך אפֿשר טרעפֿן. ס׳איז שוין צײַט, אַז דער גרעסטער גזלן זאָל האָבן אַ פֿונק פֿון מיטלייד אין אַ געגעבענעם מאָמענט; און די װעלט האָט שוין גענאַרפּט אַרויסברענגען דאָס גוטע אין דעם גזלן, און מאַכן אים פֿאַר אַ בעל־רחמנות...

בכלל גענומען, האָט ליסקי שוין געשריבן נאָך אייניקע זאַכן, „פֿאָר, דו קליינער קאָזאַק!", „מלאכה בזויה" און אַנדערע דערציילונגען, װעלכע זענען געװען געדרוקט אין צײַטונגען און זשורנאַלן. און עס װאָלט געװען מער ניט װי רעכט, אַז מען זאָל צוזאַמענעמען אַלעס און אַרויסגעבן אַ באַנד שריפֿטן, װאָס זאָלן געלעזן װערן פֿון די, װעלכע האָבן נאָך אַן אינטערעס צו ענקוראַזשירן אַ ייִדישן שרײַבער, װעלכער האָט טאַלאַנט און נאַטירלעכע אייגנשאַפֿטן פֿון מוסטערהאַפֿטער שילדערונג.

*מיר דריקן גערן אָפּ מ. מינדלס „פּאַרשפּעקטיקטע רעצענזיע" אין היינטיקן דעצעמבער־נומער אין װעלכן חודש דער שרײַבער י. א. ליסקי װערט אַ בן חמשים און עס דערשײַנט איצט אויך זײַן דערציילונג „דער האָן" אין אַן ענגלישע איבערזעצונג.—די רעדאַקציע



## 1. די לאָנדאָנער מאַקאַבייער

די פּראָקלאַמאַציעס מיט ב"ה פֿון אויבן, װאָס טויגן נישט מער פֿאַר „אשר־יצר"־פּאַפּיר דערפֿאַר . . ., זאָלן מכלומרשט זײַן אַרויסגעלאָזן פֿון די לאָנדאָנער „נטורי קרתא". אָבער קנאים מיט משה־זוך־מיך פּחדנות זײַנען גיכער אַ חבֿרה שטיבל־לאָבוסעס, װאָס געהערן צו די „לאָרדשי־שיפּ", „תאורע־טרייע" מאַקאַרטי־חבֿרה, איידער צו די ירושלימער נטורי־קרתא.

זיי מיינען טאַקע, אַז זייער ב"ה־ענגאַליש גייט דירעקט צום לאָנדאָנער האָום אָפּיס, מגלה צו זײַן די חסידי אומות העולם, װאָס נוצט זיי, די גויים . . .

קאָן איך זיי זאָגן, במחילה, אונדזערע לאָנדאָנער מכה־בייער, אַז אַ מכה־בעברתו, אַזאַ ייִד װאָס מאַכט קאַליע דאָס שיינע ענגלישע לשון, האָט אַ גוי מער פֿיינט, נישט נאָר פֿון אַ ציוני, נאָר מער נאָך אַפֿילו פֿון אַ ייִדישיסט.

## 2. „ברבורים פּיטומים"

פֿון אבן עזרא׳ס אַ חנוכה־זמר

אַ לאָנדאָנער רעדאַקטאָר פֿון אַ גרויסער אָװנט־צײַטונג איז שוין אַפּנים אַ מענטש מיט אַ ראַפֿינירטן געשמאַק — נישט נאָר פֿאַרשטייט ער זיך אויף עסק, נאָר ער פֿאַרשטייט זיך אויך אויף אַ טשאַד! . . .

אינם טאָג פֿונם אָפּפֿאָרן פֿונם טשיף־ראַביי פֿון ישׂראל קיין ירושלים שטעלט ער אַרײַן דר. הערצאָגס „פּיקטשער" אין דער אָװנט־אויסגאַבע, מיט זײַן גאַנצער פֿיין־אויסגעקעמטער הדרת־פּנימדיקייט; עס איז דאָך דער גייסטלעכער קאָפּ פֿון אַ מדינה — דער האָנאָר פֿון אָפֿיציעלקייט!

אָבער כאַראַקטעריסטיש איז עס װי ער, דער שעף־רעדאַקטאָר, האָט דעם ראַביי אָװעקגעשטעלט: פֿון איין זײַט עפּעס אַן אויסגעציכלטע באַרימטקייט, אַן אַקטריסע װאָס האַלט זיך שוין בײַם פֿינפֿטן מאָל אָפּגעטן, אין דער צװייטער זײַט דוכט זיך אַ טענצערקע, בכל־אופֿן אַ נקבֿה, װאָס גייט שוין דעם פֿירטן מאָל חתונה האָבן, און אין מיטן דעם טשיף־ראַביי פֿון ישׂראל מיט עפּעס אַ פֿעטן װײַסן האָן — ממש אַ תּרנגול!

שטעלט זיך דאָך די האַרבע קשיא, װאָס עפּעס מיצקע־דרינען, אין חודש כסלו אַ תּרנגול? צי װײַל מען האָט דעם רעדאַקטאָר מסתּם צוגעגעבן אין נדן אַרײַן, אַז דער טשיף־ראַביי אין ישׂראל איז חוץ אַ „מאַסטער" און דר. פֿון „לענגװיטשעס" אויך אַ גרויסער גאון, און דער גוי נישט פֿאַרשטייענדיק גענוי דעם איבערזעצער, האָט ער געמאַכט לכל הדעות . . . אָדער װײַל ער, דער רעדאַקטאָר פֿון דער ענגלישער אָװנט־נײַעס איז אויך געװען בײַם געזעגנונגס־אָװנט אין „פֿרענדס האוז", װו עס זײַנען געװען אַ קיימא לן פֿון אַ קרובֿ טויזנט היימישע ייִדן, װו דער טשיף־ראַביי פֿון ישׂראל האָט געהאַלטן זײַן געזעגנונגס־רעדע אין ענגליש, מיט אַ ניגון פֿון מסכת ביצה. און נאָך עפּעס איינער, אַ היימישער רבֿ, האָט סתּם געקרייט ענגליש װי אַ האָן װאָס לייענט אַרויס פֿונם „בני אדם יושבֿי חושך וצלמות".

עס בלײַבט לײַדער נישט מער איבעריק װי דאָס ביסעלע סאַרקאַזם, די ביטערע גאַל־פּיל, — כאָטש מסתּם שוין אָן שום פּעולה! — אויב ייִדישע לומדות אָנגעקליידט איז נאַציאָנאַלן איצטלא דרבנן האָט אַזאַ שפּל׳ע באַציאונג צו ייִדיש און צו ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן. אַזאַ באַנעמונג איז נישט רעליגיעזע דערציאונג נאָר ממש אַ פּראָפּאַגאַנדע דעמאָנסטראַציע פֿון אויבן אַראָפּ.

נאַטירלעך, אַז אַ פּאָטאָ פֿון אַ גערער רבין, פֿון אַ בעלזער רבין, פֿון אַ סאַטמאַרער, אַ לעלעװער, װען עס װעט אים, דעם רעדאַקטאָר געלונגען אויפֿצוכאַפּן,

## חנה ווייסגראַז ע״ה

מיר דריקן אויס אונזער טיפן מיטגעפיל צו אונזער פריינט **מנשה ווייסגראַז**, וויצע־פּרעזידענט פון „פריינט פון יידיש לשון״, צום טויט פון זיין פרוי **חנה ע״ה**. ער זאָל געפינען טרייסט און באַרואיקונג אין זיין צער אין די גערזעלשאַפטלעכע אַרבעט וואָס ער טוט.

„פריינט פון יידיש לשון״
און „לשון און לעבן״.

מיט טיפן צער האָב איך אויפגענומען די טרויעריקע נייעס וועגן דעם טויט פון אַ ליבן גוטן מענטשן, **חנה ווייסגראַז**. אַ גוטע האַרציקע פרוי, ליב און גוט צו יעדן איינעם ווער עס האָט נאָר געדאַרפט איר הילף. זאָל איר מאַן מנשה און קינדער געפינען טרייסט אין איר גוטן נאָמען וואָס זי האָט געלאָזן אונטער זיך. זייט געטרייסט, מיינע ליבע פריינט און ווייסט נישט מער פון קיין צער.

רחל מירסקי.

צום גרויסן פאַרלוסט פון אונזער פריינט **מנשה ווייסגראַז** מיטן טויט פון זייער ליבע פרוי און מוטער **חנה ע״ה**, דריקן מיר אויס אונזער טיפן מיט־לייד. זייט געטרייסט מיט דעם גוטן נאָמען וואָס זי האָט איבערגעלאָזן צווישן אַלע אירע פריינט און באַקאַנטע.

אייזיק גאָלדבערג און פרוי.

אונזער טיפן מיטלייד צו אונזער פריינט **מנשה ווייסגראַז** און זיינע ליבע קינדער, צום טויט פון זיין פרוי און זייער מוטער **חנה ע״ה**.

אברהם און חנה הינדע שפּיגלמאַן.

אונזער טיפן מיטגעפיל צו אונזער פריינט **מנשה ווייסגראַז** און קינדער צום טויט פון זייער פרוי און מוטער **חנה ע״ה**. זייט געטרייסט אין די גוטע ערינערונגען וואָס די נפטרת האָט איבערגעלאָזן.

י. ביעטש און פרוי.

אונזער טיפן מיטלייד צו אונזער פריינט **מנשה ווייסגראַז** און **קינ־דער** צום טויט פון זייער פרוי און מוטער חנה, ע״ה. זייט געטרייסט אין דעם גוטן נאָמען וואָס זי האָט איבערגעלאָזן.—נעט רובין און פרוי.

מיין טיפן מיטגעפיל צו פריינט **מנשה ווייסגראַז** און זיינע קינדער צו זייער גרויסן פאַרלוסט.—ש. י. האַרענדאָרף

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**

ווועט זיין עסטעטישער טאַקט אים גאַנץ אַנדערש אונטערזאָגן, ווו ער האָט זי אַוועקצושטעלן, ווייל אַ ריכטיקער ייד מיט היימישע פאות איז נישט נאָר אויף יידיש, נאָר אויך אויף ענגליש — אַ „פייעסמען״.

## 3. דער בן־אורי חנוכה־באַל

נאַטירלעך, אויב פונם „פּאַינט אָף וויו״, אַז יידישע „באָיעס״ זאָלן טאַנצן מיט יידישע „גערלס״ פון דעם טיפן „רעלידזשען״ שטאַנדפּונקט, איז דער בן־אורי קאָסטיום־באַל געווען אַ גרויסער מאָראַלישער דערפאָלג...

אויב אָבער דער קונסט־פאַראיין בן־אורי האָט נאָך די אַספּיראַציעס פון די גרינדער פונם פאַראיין, אַ פאָרשטעלונג פון יידישע קאָסטיומען, פאָלקלאָר, יידישלעכע טראַדיציע, איז דער באַל — אַ פיאַסקאָ!

און נישט נאָר בנוגע די קאָסטיומען און מאַסקעס, נאָר אויך בנוגע די טענץ, קיין איין יידישלעכן טאַנץ, צומאָל נישט דאָס בכבודע מצוה־טענצל. דער נאַ־ציאָנאַלער האָראַ אַליין געגוגט אפילו נישט פאַר חלוצים, על אחת כמה וכמה פאַר אַ קונסט־פאַראיין.

אַ חוץ דער ליצנית־נומער אינם קאַבאַרעט נומער, אויב מען וויל עס אָנ־נעמען פאַר קונסט — די מאַכעריי פון דעם תימנער מיט די דריי כלות! — האָט דער אָוונט נישט געטראָגן קיין שום יידישן כאַראַקטער.

נ. ב. ווינטשן מיר צו זיין 70־טן געבוירן־טאָג, איינעם פון די מיטגרינדער פונם בן־אורי א. מייקעלסאָן, וואָס יערט זיך צום 6־טן חנוכה ליכטל, אַז ער זאָל נאָך דערלעבן אַ סך נחת פון זיין אַרבעט. און דאָס נעמלעכע נאַטירלעך ווינטשן מיר די אַנדערע מיטגרינדער פונם בן־אורי, וואָס לעבן נאָך מיט אונז, ווי משה עובד, י. ביעטש, סערעס און מלאַווסקי, וואָרים די טעטיקייט איצט פונם בן־אורי אינם יידישן ווי אינם יהודישן לאָנדאָן (כאָטש די לעצטע האָבן שוין איצט די אויבער־האַנט) איז אַן אומבאַדינגט וויכטיקע און טוט זייער אַ סך אויף אויפן געביט פון קונסט און קולטור.

ש.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

אין בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, לאָנדאָן, א.1

שבת דעם 4־טן דעצעמבער — אַן אָוונט פון הומאָר און געזאַנג: מיס היימעס, פרוי נאַדלער און י. ביעטש.

שבת, 11־טן, איזי בלעקער — שלום עליכם, זעליק עפּעלבוים — אהרן צייטלין.

שבת, דעם 18־טן, לכבוד חנוכה — משה דאָמב און איזי בלעקער, א. בלום און מרים קויהען.

שבת, דעם 25־טן, די טראַדיציאָנעלע חנוכה פייערונג — אייזיק גאָלדבערג, נעט רובין, י. ביעטש, רבקה היישעריק און רחל מירסקי.

שבת, דעם 1־טן יאַנואַר, מענדעלע מוכר ספרים פייערונג — שלמה אויער־באַך און פריינט בענקאָוויטש.

שבת, דעם 8־טן יאַנואַר — דיסקוסיע: די יידישע קולטור־אַרבעט אין לאָנדאָן. י. ביעטש, מינדעל, י. א. ליסקי, אליהו פאַלושאַק, לעמעל און ביילי.

די אלגעמיינע פאַרזאמלונג פון „פריינט פון יידיש לשון״
זונטיק, דעם 23־טן יאַנואַר, 3.30 נאָכמיטאָג,
אין ארבעטער־רינג, עלי סטריט, א.1
אַלע מיטגלידער און סימפּאַטיקער זיינען איינגעלאַדן.
סדר היום: 1) באַריכטן; 2) דיסקוסיע; 3) ווייטערדיקע אַרבעט; 4) וואַלן.

פריינט פון יידיש לשון
שבת, דעם 29־טן יאַנואַר, 7.30 אין אָוונט,
אַ קאָנצערט
מיט דער באַטייליקונג פון דער באַרימטער און באַליבטער קינסטלערין חנהלע צעלניקער און אַנדערע. קומט מאַסנווייז. איינטריט 3/6 און 2/6
אין פּראָגראַם: שלום עליכם, פּרץ, אַנסקי און געזאַנג פון יידישע קונסט און פאָלקס־לידער

פריינט פון יידיש לשון
דינסטיק, דעם 15־טן פעברואַר, 7.30 אין אָוונט,
אַ גלעזל טיי, אין אַדלער האַל, אַדלער סטריט, א.1
לכבוד דעם דערשיינען פונם בוך
„פאַמאַכעט, דער כעלעמער פּאָעט״, פון שמואל וואַהייט

סוף־חודש זונטאגס
בן אורי, 14 פאָרטמאַן סטריט, וו.1.
זונטיק, דעם 30־טן יאַנואַר, 8 אזייגער
דאָס שאַפן פון די לאָנדאָנער יידישע שרייבער


די רעדאַקציע פון „לשון און לעבן״ באַגריסט דעם שרייבער י. א. ליסקי צו זיין יובל, צום 50־טן געבוירנטאָג.

מייך פריינט, דעם שרייבער י. ליסקי, צו זיין פופציקסטן געבורטסטאָג, ווינטש איך פיל פרייד, אין האַרצן און אין דער נשמה, און ער זאָל ווייטער שפינען זיין ליטעראַרישע אַרבעט. משה דאַמב.

מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנאַ־מענט אָפּצאָל. דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַרבעט.

# לשון און לעבן


חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

נומער 1 (העפט 280) זעכצענטער יאָרגאַנג יאַנואַר, 1955 לאָנדאָן


## 1. פינף צייט סאַטירעס

סך־הכול 1954

אויפן גאַנצן ערד־קיילעך מ׳האָט אונז געקוילעט,
פונם ריין ביזן ווייסל, פון פרת ביז חדקל,
אָבער אומעטום זיי האָבן זיך געלאָזן,
אַ מאָשקעלע פאַר זייער ביליקן געמעקל.

צומאָל אין זייערע פּאַלאַצן באַהאַלטן,
אַ דניאל, ר׳זאָל זיי אויסטייטשן דעם „מנא תקל״;
אונזערע בערג אַש פּראָפיטירן זיך איצט גוט,
מיט מאַרטין בובערס הויך־דויטשן „פּראָפעט יעזעקל״.

ס׳איז אַ ווערעמדיק עפּעלע ס׳ערד קיילעכל,
אַזאַ געשלענגל: העגל־שלעגל־העקל* — —
עס צו צעקוועטשן אונטער זיין פערדישן פוס,
צומאָל דעם שטן שוין נעמט אַ מיאוסן עקל.

כאָטש גוט, וואָס אַ העלפט ווערים אויף צווייטער זייט איז,
אונטער יענעם אייזערנעם שטאַכל־דראָט געהעקל,
און נישט אַזאַ מפונק קאָזאַצקער שטיוול — — —
און פעסטער ער שטייט ווי אויף „שלומים״ דער שקל.

לסוף, לעצטע שורה שאַרף אונטערגעשטראָכן,
דעם סך־הכול פאַר הכול בכול מכול פלעקל:
נישט נאָר אויף אונז אַליין — ס׳וואַרט שוין אויף אַלע איצט
דעם מלאך־המות׳ס פלינק־קוילענדיקע העקל.

## דער העלד פון טאָג

(אין סילוועסטער טאָג האָט מענדעס־פראַנס געהאַט זיין „גרויסן זיג״)

אַז מען שלעפּט זיך רק ווי דער כעלמער מלמד,
אַהין און צוריק כסדר נאָר מיט דער ציג,
איז אַ וווּנדער אַז די שווערסטע זאַך קריגט מען אַרויס,
גלייך מען שלעפּט פון דער מילך אַ פאַרחלשטע פליג?